STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03406

OT AZOY

H. Erlikh

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ערליך

אָט אַזוי

הומאָרעסקעס * סצענקעס * מאָנאָלאָגן

ארויסגעגעבן דורך דעם
פארלאג „קאיאָר"
יאָהאַנעסבורג
דרום־אפריקע
תש"י — 1950

OT AZOI

—BY H. EHRLICH—

"KAYOR" PUBLISHING HOUSE
302, FOX STREET
JOHANNESBURG
SOUTH AFRICA, 1950

ארויסגעגעבן אונטער דער אויפזיכט פון דער
דרום אפריקאנער יידישער קולטור־פעדעראציע.

א י נ ה אַ ל ט

	זייט
מיין ווייבס האָלידיי	9—11
נחת פון קינדער	12—13
אויף אויסצוצאָלן	14—16
א מאַן — א שלימזל	17—18
מיסטער מאַקנאַב	19—20
נאָך אלץ א גרינער	21—23
אוי, די קאָרטן	24—25
נאָך די וואלן	26—28
ווייסט איר אמאָל פון א שיקסע?	29—31
א לאָטעריי־צעטל	32—34
א געשפּרעך צווישן צוויי ווייבער	35—36
איך קריג א „טיפּ"	37—39
א שמועס מיט א משולח	40—41
פלאָנטערס	42—45
מאָדנע	"
פרייע ליבע	"
ס'איז אַ ליגן	46—48
איבער א קלייניקייט	49—51
אוי, די מלחמה	52—54
צוויי לוויות	55—56
היפּ, היפּ, הוריי!	57—58
מיין ערשטער רעפּעראַט	59—61
שוין געוועזן אין יידישן טעאַטער?	62—63
דער פריידענקער	64—65
וועגן פּסיכאָ־אנאליטיק	66—67
ליריק און סימבאָליזם	68—
אויף א בילדער־אויסשטעלונג	69—70
געשטאָרבן ווי א פּרינץ	71—72
א שיינע ארדענונג!	73—74
מוטער און קינד	75—76
אין פּאַס־אָפיס	77—78
סאָלי, (סאָרי) מיסיס	79—80
פּעני, באַאס	81—
אמאָליקע יאָרן	82—83
אָפּגעגעבאַרט	84—90
געווונען דעם שטרייק	91—95

PHOTO: HENRY TREISMAN.

ה. ערליך

און דריקט דיר פריינד, אויפן הארצן וואָס —
לאַך זיך אויס!

און האָסטו צרות אָן א מאָס —
לאַך זיך אויס!

פארטרייב דעם אומעט מיט געלעכטער,
און האַלט דעם שמייכל פאר א וועכטער...

מײַן װײַבס האָלידײ

וואָס בין איך אַזוי פאַרזאָרגט? פרעגט איר. גאַרנישט, מײַן װײַב איז אַװעק־געפאָרן אויף אַ האָלידײ. כאָטש דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך גאָר באַדאַרפט האָבן אַ האָלידײ — אַרויסצושלאָגן זיך פון קאָפּ די ביזנעס, מיט די קאָסטומערס, מיט די טשעקס, און, איבערהויפּט, דעם באַנק. איר װײסט עפּעס װאָס עס מײנט צו זען דעם באַנק־מענעדזשער טאָג־אײַן און טאָג־אויס, שטײן פאַר אים מיטן היטל אין האַנט און קוקן װאָס פאַר אַ מינע ער מאַכט. און פרעגט װאָס? װאָס האָב איך פון לויפן, און דרײען, און שמײכלען, און דעם גאַנצן טאַראַראַם? אַז שלאָפן לאָזט מיך ניט דער באַנק, עסן האָב איך קײן צײַט ניט, װײַל איך דאַרף לויפן אין באַנק. און װוּ איך גײ און װוּ איך שטײ, זע איך נאָר פאַר זיך דעם מענעדזשער און דעם באַנק...

איז װוּ, הײסט עס, האַלט איך? יאָ, בײַ מײַן װײַב טאַקע.

— סאָלאָמאָן, זאָגט זי, איך מוז דעם יאָר פאָרן אויף אַ האָלידײ.

— װאָס עפּעס, פּלוצלינג, אַ האָלידײ, פרעג איך איר. ביסט חס־ושלום ניט געזונט?

— נײן, ענטפערט זי, געזונט בין איך גראָד. הלוואי אויף דיר געזאָגט געװאָרן, נאָר איך שעם זיך פאַר אונדזערע שכנים. יענע פאָרן אַלע יאָר אויף האָלידײס, און איך זיץ אינדערהײם און קוק.

— ביסט גערעכט, זאָג איך. אָבער דו זעסט דאָך אַלײן, אַז די ביזנעס איז ניט זײער גוט. די קאָסטומערס צאָלן ניט, דער באַנק דריקט, און אַלײן בין איך אויך ניט אײַנגאַנצן.

הערט זי מיך אויס, הײבט אָן צו װײנען, פאַלט אַרײַן אין אַ היסטעריקע און חלשט. איר האָט באַדאַרפט זען אַ חלשן — כ׳האָב געמוזט רופן אַ דאָקטער זי אָפּצומינטערן. איר שפּילט זיך עפּעס מיט אַ ײדענע, אַז זי חלשט זיך פונאַנדער . . .

מילא, טראַכט איך מיר, פאַרפאַלן, אײדער צו געבן דאָקטוירים, זאָל זי שוין בעסער פאָרן אויף אַ האָלידײ. פאַרשטײט איר דאָך שוין, װי לײַכט מיר איז

אַנגעקומען איר פאַרן. פריער פון אלץ האָב איך געמוזט באשטעלן א האָטעל און דווקא א גרויסארטיקן.

— וואס מיינסטו, זאָגט זי, איך וועל אריינפאָרן, ווו אלע שנאָרערס פאָרן? עס הייבט זיך גאָרניט אָן.

און אז זי זאָגט, איז געזאגט.

אָפגעפארטיקט מיטן האָטעל, דערלאנגט זי מיר א צעטל, וויפיל קליידער זי דאַרף האָבן צום פאָרן. איר האָט באדארפט זען א צעטל, א גאנצן אויס־שטייער, זאג איך אייך. און רייד איך אויס א ווארט, פאלט זי אריין אין א היסטעריקע און חלשט.

קורץ — איך האָב געבאָרגט, און געזארגט און אוועקגעשיקט מיין ווייב אויף א האָלידיי. מיינט איר דאָך אוודאי, אז איך בין שוין פארטיק, האָט איר א טעות. עס גייט ניט אוועק קיין וואך, ווי איך קריג פון איר א בריוו, איז וועלכן זי שרייבט מיר אזוי:

דיער סאָלאָמאָן,

„עס וועט דיך געוויס פרייען צו הערן, אז איך האָב זיך גוט דערהוילט און האָב א גוד טיים. פאר דער צייט וואס איך בין דא, זיינען אויף מיר די קליידער געווארן ענג, און איך מוז איצטער האָבן נייע קליי־דער. פליעז, דארלינג, שיק מיר גלייך צו אן אונטערגעשריבענעם טשעק. די סומע אויסצופילן לאָז איבער צו מיר״.

דיין געטרייע ווייב בערטע.

אז איך האָב אויסגעלייענט דעם בריוו, איז מיר געווארן פינצטער אין די אויגן. איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאט זיך אפצורוען פון פאראכטאָגן, און נא דיר שוין א נייע מכה. דעם אמת ריידנדיק, האָב איך באשלאָסן ניט צו שיקן איר מער קיין איין פעני. נאָר ווי לאָזט מען דאָס איבער אן אייגענע ווייב אין א פרעמדער שטאָט אָן קליידער? בין איך פונדאָסניי געלאָפן צו פריינד און באַ־קענטע: ביי איינעם געכאפט פינף פונט, ביי א צווייטן — צען פונט, און אוועק־געשיקט צו מיין ווייב. און איך מיין אז איך בין שוין פארטיק מיטן עסק. ערשט, אין עטלעכע טעג ארום, איך קריג ווידער א בריוו פון איר. וואָס איז איצטער? אדרבה, הערט:

דיער סאלאמאן,

„דאָס געלט האָב איך דערהאלטן, און דאנק דיר זייער. איך האָב זיך געקויפט נייע קליידער, און דו וועסט געוויס זיין צופרידן... סאָלאָמאָן

טײַערער, אין האָטעל, װוּ איך שטײ אײַן, שפּילט מען טאָג און נאַכט אין קאָרטן. און גלײב מיר, טײַערער, אַז ביז מיט אַ פּאָר טעג צוריק, האָב איך זיך אַפילו צו דעם ניט צוגערירט. נאָר װי לאַנג קאָן מען אַזױ זיצן און קוקן װי אַנדערע שפּילן? מען איז דאָך ניט מער װי אַ מענטש, האָב איך אױך גענומען אַ האַנט. צוערשט האָב איך געװוּנען אַ שײנע פּאָר פונט, מעגסט זיך עס װינטשן צו מאַכן אַלע װאָך. אָבער שפּע־טער צו האָבן די קאָרטן גענומען קומען פאַרקערט, און װאָס קלערסטו? — איך האָב פאַרשפּילט די געװוּנענע און נאָך אַ פײַנע פּאָר פונט דערצו. און דעריבער, דאַרלינג, שיק מיר צו נאָך אַ טשעק, איך זאָל האָבן גענוג אַרױסצונעמען דעם רינג, װאָס איך האָב פאַרזעצט, און צו באַצאָלן פאַרן האָטעל, און נאָך אַ פּאָר פונט. מער װעל איך בײַ דיר שױן קײן געלט ניט בעטן, ביז איך װעל קומען צוריק אַהײם. יור לאַ־װינג װײַף, װאָס בענקט נאָך דיר אַזױ שטאַרק, בערטע".

נוֹ, איך פרעג אײַך, װי געפעלט אײַך אַזאַ מין זאַך? אַז ביזנעס איז אין דר'ערד, חובות — איבערן קאָפּ; דער באַנק לאָזט ניט לעבן, און דאָ שיק נײַע געלט. געװאַלד װאָס טוט מען איצטער?... אפשר האָט איר אַ פּאָר פונט מיר צו לײַען?...

נחת פון קינדער

איר שפּילט זיך עפּעס מיט היינטיקע קינדער! זיי פאָלגן דען? מען לייגט פאַר זיי אוועק דאָס לעבן, און זיי טוען וואָס זיי ווילן. וואָס ווייסט איר, וואָס אונדז האָט אפּגעקאָסט צו מאַכן מיין בענין פאַר א דאָקטער. דעם אמת זאָגנ־דיק, האָט ער גאָר געוואָלט זיין א באַלמעלאָכע. איך, אָבער, האָב זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז זיין א דאָקטער. און פאַרוואָס ניט? מיר זיינען קיין עין הרע א גרויסע פאַמיליע: ברידער, שוועסטער, קאָזינס, פריינד, מיט לאַנדסלייט פון מיין זייט און פון מיין מאַנס זייט, איז פאַרוואָס זאָלן מיר ניט האָבן קיין אייגענעם דאָקטער אין דער פאַמיליע? און דערצו איז ער ביי מיר איין קינד, טאָ ווי לאָזט מען אים דאָס ווערן א באַלמעלאַכע און אַרומגיין פאַרשוואַרצט, ווי א קוימענקערער?

איז וואָס זאָל איך זאָגן, קיין האָניק האָב איך פון אים ניט געלעקט. די צרות וואָס איך האָב פון אים געהאַט, איידער ער איז דורכגעגאַנגען זיין מאַטריק, איז טאָקע ניט צו באַשרייבן. נאָכדעם האָט זיך ערשט אָנגעהייבן א מעשה — „יוניווערסיטי”. וואָס ווייסט איר, וואָס איך בין פון אים אויסגעשטאַנען. קאַלט און וואַרעם האָב איך פון אים געהאַט. דאָ וויל ער גיין, און דאָ ניט. דאָ ווידער יאָ, און דאָ ווידער ניט. נאָר געלויבט איז גאָט, אַבי ער האָט געענדיקט. כאָטש דאָס נחת וואָס איך האָב פון אים, איז צו דערליידן. קיין פּאַציענטן קומען צו אים ניט. אָט ווי אויף להכעיס האָבן זיי אויפגעהערט צו קרענקען. זיצט ער נעבעך גאַנצע טעג אין אָפיס און קוקט אויף די ווענט. איך בין דאָך אָבער א מאַמע, האַלט איך אים אין איין טרייסטן: זאָרג זיך ניט, יאָ פּאַציענטן, ניט פּאַציענטן, וועסט באַלד טאָן א רייכן שידוך, און דו וועסט זיין אַלרייט; עס זיינען נאָך פאַראַן געצונג מענטשן, וואָס זוכן דאָקטוירים פאַר איידעמס. נישקשה, זאָג איך, קיין דאָקטוירים וואַלגערן זיך נאָך דערווייל ניט אין די גאַסן. און אויב מיסטער רייכמאַן וויל דווקא א דאָקטער פאַר זיין טאָכטער — איז ער ניט קראַנק צו באַצאָלן.

איך פרעג אייך, אדרבה, ווען איר זייט א מאַמע און האָט א זון א דאָקטער, וואָלט איר אַנדערש געערדט? אַז אפּגעקאָסט האָט ער אונדז א פאַרמעגן.

פאַרזעצט צוליב אים די הייזקע, אפּגעשפּאָרט פון זיך, פון מיין מאַן, און אַלץ אַריינגעשטופּט אין אים. און היינט, אַז ער איז שוין יאָ אַ מענטש מיט לייטן גלייך, זאָל איך אים לאָזן פאַרנאַרן?

הערט ער מיך אויס און גיט צו מיר אַ זאָג: מאַמי, נדן איז גאָרנישט, דער עיקר איז ליבע.

— ליבע, שמיבע, ענטפער איך, כלומרשט געלאַסן, כאָטש איך פּיל, אַז אינעווייניק ווער איך צעשפּרונגען פון אויפרעגונג. אָט, זאָג איך, האָב איך חתונה געהאַט מיט דיין טאַטן אָן ליבע, דעריבער איז וואָס, האָב איך אים ניט ליב? וואָס הייסט, זאָג איך, ווער דען דאַרף קריגן נדן, אויב ניט קיין דאָקטער?

— אָבער היינט, מאַכט ער, זיינען אַנדערע צייטן. אַז מען האָט זיך ניט ליב, קאָן מען ניט חתונה האָבן.

— אַלרייט, זאָג איך, אויב דו ווילסט דווקא אַזוי, וועל איך פאַר דיר קריגן אַ מיידל מיט ביידע זאַכן: אי געלט און אי ליבע.

— דאַרפסט זיך ניט טראָבלען, ענטפערט ער, איך האָב שוין אַ מיידל.

דערהערנדיק דאָס האָב איך שיעור ניט געחלשט. — בעני! האָב איך אויס־געשריען, דו מאַכסט דאָך אונדז אומגליקלעך. צוליב דיר האָבן מיר פאַרמשכנט אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמעגט, געהאָפט אַז דו וועסט ענדיקן דאָקטער און טאָן אַ רייכן שידוך, וועלן מיר צוליב דיר אויך געהאָלפן ווערן, און היינט טוסטו אָפּ אַזאַ זאַך.

גייט ער צו מיר צו, נעמט מיך אַרום און גיט, לאַכנדיק, אַ זאָג: ווייסט, מאַמע, דו ביסט נאָך גאָר אַ גרינע.

איר הערט רייד? טראָג זיי, און האָב זיי, און האָדעווע זיי, שטיי פון זיי אויס אַלע צרות. קוים דערלעבט אים צו שטעלן אויף די פיס און מאַכן אים פאַר אַ מענטשן, און צולעצט איז ער דער געלער און איך בין די גרינע.

וואָס זאָל איך אַזויפיל דערציילן, עס האָט ניט געהאָלפן ניט מיין וויינען, און ניט מיין שרייען, און ניט מיין בעטן זיך. ער האָט מיך געהערט ווי די קאַץ, און חתונה געהאַט אויס ליבע. און היינט? פרעגט בעסער ניט. היינט זיצט ער ביי מיר, מיט דער ווייב זיינער, און פאַרטיק. וואָס זאָל איך טאָן, איך בין דאָך אַ מאַמע. דאָס האַרץ טוט וויי.

וואָס קלערט איר? — קליינע קינדער — קליינע צרות, גרויסע קינדער — גרויסע צרות...

אויף אויסצוצאָלן

— ווען וועסטו שוין קויפן א קאר? זאָגט צו מיר מיין ווייב, זיצנדיק ביים טיש. יעדער שנאָרער פאָרט היינט אין א קאר. נאָר איך דארף נאָך אלץ גיין צופוס.

ווייסט דאָך, אז די צייט איז ניט צו־פויגלדיק און אז...

— אלץ איז ביי אים ניט פויגלדיק, רייסט זי מיך איבער. ווען וועט ביי דיר יאָ זיין פויגלדיק? מען טוט אזוי ווי אלע טוען. אז מען קאָן ניט באַצאָלן גלייך — נעמט מען אויף אויסצוצאָלן.

— אָבער...

— נעווער מיינד אבער...

אויף מאָרגן בין איך מיט מיין ווייב און טאָכטער אָוועק זען א קאר. מיר זיינען אריין אין א גאראזש.

— וויפיל, פרעג איך דעם מאן דארט, קאָסט די קאָר, אויף וועלכער מיין ווייב האָט געוואָרפן אן אויג?

— צוויי הונדערט פונט, ענטפערט ער.

— דו הערסט? זאָג איך צו מיין ווייב. צוויי הונדערט פונט פאר דער אלטער שמאָטע. מען דארף האָבן א הארץ אזויפיל צו בעטן. אין מיינע אויגן, זאָג איך, איז עס ניט ווערט קיין דרייסיק.

— א מאָדנע זאַך מיט דיר, זאָגט זי, אלץ איז פאר דיר צו־טייער און איך זאָג, אז עס איז א מציאה. זי זעט דאָך אויס פונקט ווי נײַ. דו וועסט זין נעמען מיט אים דינגען, וועט ער גאָר חרטה האָבן.

— אָבער אפשר, נעם איך זיך ביי איר בעטן, וואלטן מיר נאָך געגאַנגען זען אנדערשוווּ, איידער דו באַשליסט צו קויפן א קאר?

— אויב דיר געפעלט ניט, מאכט זי, קאָנסטו גיין געזונטערהייט. פאר מיר איז די אויך גוט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און מען האָט געבראַכט די קאָר צו אונדז אהיים.

— וואָס, זאָג איך, וועט איצטער זיין, אז איך קאָן נאָך ניט טרייבן קיין קאַר?

— דאָס, מאַכט זי, זאָל זיין דיין לעצטע זאָרג. צוערשט וועל איך זיך אויס־לערנען, דערנאָך — בעקי, און נאָכדעם וועסטו זיך אויסלערנען, פאַרשטייסט?

— יאָ, איך פאַרשטיי, האָב איך, טרויעריק, געענטפערט.

איינמאָל קום איך אהיים, איך געפין דעם גאַראַזש ליידיק.

— ווו איז די קאַר? פרעג איך.

— איך וועל האָבן צו עפּעס מזל! ענטפערט זי מיר, מיט טרערן אין די אויגן, טאָמער קויפט ער שוין יאָ א קאַר איינמאָל אין לעבן, טויג עס אויף צען כפּרות. אלע טאָג אן אנדער צרה.

— איך האָב דיר אָבער געזאָגט, זאָג איך, אז אזוי וועט זיין. אָט דאָס איז, אז מען פאָלגט ניט א מאַן.

— אויב דו ביסט שוין יאָ אזא חכם, מאַכט זי, טאָ וואס האָסטו מיר גע־הייסן קויפן?

— איך? זאָג איך, איך?

— ווער דען, איך?...

איך האָב נאָך ניט געהאַט געענדיקט צאָלן פאַר דער קאַר, ווי מיין ווייב טוט צו מיר א זאָג:

— ווייסט, מיין מאַן, עס וואָלט שויז צייט געווען אויסצובייטן דעם רעפרי־דזשערייטאָר. ער מאַכט אַן אזא טומל, אז איך קאָן קיין אויג ניט צומאַכן.

— לאָז מיר, זאָג איך, אפּכאַפּן דעם אָטעם. לאָז מיך צוערשט אָפּצאָלן פאַר דער קאַר, און שפּעטער וועט׳ן זען.

— ווי לאַנג, ענטפערט זי, וועל איך עס וואַרטן, ביז איך וועל אוועק־שטאַרבן? אויף יענער וועלט דאַרף איך קיין רעפרידזשערייטאָר ניט האָבן. דאָרטן איז קאַלט אָן דעם.

— זאָג ער ווער ניט־ווער, נעם איך זיך ביי איר בעטן. דו ווייסט דאָך אוודאי, אז איך קאָן איצטער ניט קויפן אזעלכע זאַכן.

— אלץ ער קאָן ניט, רייסט זי מיך איבער, מען טוט ווי אלע טוען. אז מען קאָן ניט באַצאָלן גלייך — נעמט מען אויף אויסצוצאָלן.

איין טאָג קום איך אהיים און איך געפין א רעפרידזשערייטאָר אזוי גרויס

ווי א הויז. נו, מאכט זי צו מיר, מיט שטאָלץ, ווי געפעלט עס דיר? ס׳איז דאָך א פארגעניגן צו קוקן.

— זייער א גרויס פארגעניגן, ענטפער איך, מיט א זיפץ. אָבער צו וואס, זאָג איך, האָסטו נאָך באדארפט קויפן אזא גרויסן? עס קאָן דאָך ארייגגיין א ציג מיט די הערנער.

— קיין זאך געפעלט אים ניט וואס איך קויף, ענטפערט זי מיר, וואס האָסטו געוואלט א פיפערנאָטער? א חסרון, הערסטו, אז די כלה איז צו־שייז. און אז גרעסער איז וואס, וועסטו צאָלן א ביסל לענגער...

עס גייט ניט אוועק קיין וואך, ווי מיין טאָכטער גיט צו מיר, אומשולדיק, א זאָג: יו נאָ, פאָפּ, אונדזער ווייערלעס קאן מען שוין ארויסוואַרפן. אָנשטאָט מוזיק, הערט זיך ווי העגער קרייען, וואס זאגסטו צו דעם?

— שרעקלעך, ענטפער איך, כלומרשט, מיט מיטלייד. אָבער ווייסט דאָך, זאָג איך, אז איך בין א „פּור מען" און קאָן ניט קויפן אלץ אויף איינמאָל.

— דו ביסט מאָדנע, זאָגט זי. מען טוט ווי אלע טוען. אז מען קאָן ניט באַצאָלן גלייך — נעמט מען אויף אויסצוצאָלן.

אויף מאָרגן האָב איך געפונען א נייעם ווייערלעס אין הויז.

— נו, זאגט מיין טאָכטער צו מיר, ווי געפעלט דיר דער ווייערלעס? פיין, הא? קאָנסט הערן לאָנדאָן, פאריז, מאָסקווע, יאפאן און...

מער האָב איך ניט געהערט. עס האָט מיך גענומען שווינדלען פאר די אויגן, און בין שיעור ניט געפאלן אין חלשות.

אַ מאַן — אַ שלימזל

ווען מען האָט אַ מאַן אַ שלימזל, איז גלייכער, אַז מען שוויגט. נאָר זיי מיר אַ בריה און שווייג, ווען דו זעסט, ווי יעדער איינער, וואס קאָן נאָר אפּווישן אַ נאָז, מאכט היינט געלט. און נאָר ער, דער שלימזל מיינער, ליגט ביי יענעם און אַרבעט.

יאָשע, זאָג איך צו אים. ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין אַ מענטש ביי יענעם? שוין צייט, דו זאָלסט ווערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך. וואס איז, זאָג איך, ביסט חס ושלום אַ הינקעדיקער שניידער? קאָנסט ניט די מלאכה? קאָנסט נאָך היינט אויסשאָקלען אַ סך שניידערס פון אַרבל. אָט נעם, זאָג איך, דיין לאַנדסמאַן פאַר אַ ביישפּיל — אַליין איז ער אַ ריכטיקער קאַליקע, מער ווי אַ לאַטע קאָן דאָס ניט לייגן. האָט ער פונדעסטוועגן געעפנט אַ הויזן־פּעקטאָרי, און, הלוואי זיין שאָדן אויף אונדז געזאָגט געוואָרן. ער האָט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט, אַז עס איז אים ניט צו דערקענען: אַ נייע הויז, מיט מעבל, מיט אַ קאַר, דאָס ווייב זיינע פאָרט אַלע ווינטער אויף האָלידייס, און עס איז אים גוט ווי די וועלט.

אָדער נעם, זאָג איך, דיין צווייטן לאַנדסמאַן — שמענדריק. זיינע גאַנצע יאָרן האָט ער זיך געמאַטערט צו מאַכן אַ לעבן. איז געקומען די מלחמה און האָט אים געשטעלט אויף די פיס. צוזאַמען מיט נאָך איינעם האָט ער געעפנט אַ פּעקטאָרי פון ווייבערשע שמאַכטעס. און אין אַ קורצער צייט איז ער אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז עס איז גאָרניט דער זעלביקער שמענדריק. דו דאַרפסט זען ווי ער לעבט! אַ גראַף קאָן שענער ניט לעבן. און דו, זאָג איך, ליגסט נאָך אַלץ ביי יענעם און אַרבעטסט ווי אַן אייזל. איז דאָס אַ תכלית? מען איז דאָך ניט מער ווי אַ זינדיקער מענטש — אַ שוך, אַ קלייד, אַ זאָק, די פאַמיליע, קיין עין הרע, ווערט גרעסער, און דיינע פאַרדינסטן — קלענער.

אָט אַזוי, ווי איר הערט, רייד איך צו אים.

מיינט איר דאָך, אַוודאי, אַז ער לויפט און גיט אַפּ דעם דזשאַב, און טוט וואָס איך הייס אים, האָט איר אַ טעות. איך ווער צעפּלאַצט רײדנדיק, און ער טוט זיך דאָס זייניקע. גייט אַוועק אין דערפרי און קומט צוריק אין אָוונט, ווי

ניט אים מיינט מען עס. עסט אַפּ, ציט זיך אויס אויף דער סאָפע, רוקט אריין דעם קאָפּ אין פּייפער און שווייגט.

— יאשע! זאָג איך, וואס שווייגסטו? עפן דאָס מויל, רייד, מען זאָל פון דיר הערן א ווארט.

— איך ווייס ניט, זאָגט ער, וואָס דער מער איז מיט אונדז — יידן, אז וויפיל א ייד פארדינט איז אלץ ניט גענוג. ביי די גויים איז א מזל ברכה: פאר־דינט איינער מער — פארלעבט ער מער, פארדינט ער ווייניקער — פארלעבט ער ווייניקער. און אז איך קאָן ניט מאַכן געלט — איז וואס? א לעבן מאַך איך? גענוג! מיין טאטע האָט מיר ניט געלאזן קיין ירושה, און איך דארף מיינע קינ־דער ניט לאָזן קיין ירושה. זיי זיינען ניט חולה צו ארבעטן פאר זיך אליין.

נו, איך פרעג אייך, וואָס זאגט איר צו אזא שלימזל? איך מאטער זיך דורכ־צוקומען מיט די קלאָגעדיקע ווידזשעס זיינע, אז עס גייט מיר שיעור ניט פייער פון די אויגן, און ער דערציילט מעשיות פון גויים.

— אָבער פאר׳וואס, זאג איך, קוקסטו ניט אויף די וואס זוכן זיך ארויפ־צואַרבעטן, און דארפן ניט דרייען דעם קאָפּ פאר א שילינג? יאשע, זאג איך, דו פאלג א ווייב, די הערסט! ווארף אוועק דיינע שניידערייען און טו וואס אנדערע טוען: א פעקטרע — א סמעקטרע, קויף, פארקויף, און דריי ווי אלע דרייען. אַט איצטער איז די צייט, אויב ניט, וועלן מיר, חס ושלום, בלייבן איי־ביקע שלעפערס, דו הערסט?

— די צרה מיט דיר איז, ענטפערט ער, וואס דו ביסט אלעמען מקנא.

איר הערט א ריידן? איך בין אלעמען מקנא! ווער עס פארגינט זיי ניט, זאל אַליין ניט האבן. וואס האב איך צו זיי? פאַרקערט, ס׳פריייט מיר גאר צו זען, ווי אזוי מענטשן ארבעטן זיך ארויף. פארוואס ניט? און צוריק ריידנדיק, און אז יאָ מקנא, איז וואס? פארוואס, פרעג איך, זאל טאקע יענער געשווואלן ווערן פון ווילטאָג, און איך זאל זיך דארפן מאטערן פאר א שטיקל ברויט? וואס איז, מיין מאַן פוילט זיך דען צו ארבעטן? און אז ער ארבעט שוין יא, האָט ער וואס? ווי פלעגט מיין באָבע זאגן: ארבעט שווער און ביטער, און אין שיסל איז שטענ־דיק שיטער..

איר מיינט אוודאי, אז איך רייד עס? די צרות ריידן אין מיר. גלייבט מיר, הערט איר, אז יעדעס מאָל וואס איך שריי אויף מיין מאַן, רייסט זיך אין מיר אָפּ א שטיק הארץ. מען זאגט, אז באלד וועלן די רייכע זיך טיילן מיט די אָרעמע לייט. ניט מער, זאָלן זיי עס האָבן פאר זיך, וואָס זיי וועלן שוין אוועק־געבן יענעם. עס איז שוין צייט, הערט איר, אז עס זאל אויף זיי אויף קומען א מפלה. וואס זאגט איר, ניין?...

מיסטער מאַקנאַב

מיין אמתער נאָמען איז פיניע מלמד. אזוי האָט מען מיך גערופן, בעת איך בין נאָך געווען א ייד א קבצן און געוווינט אין א הייזקע, ערגעץ אין דארנפאנ־טיין. אבער ווי נאר איך האב זיך ארויפגעאַרבעט און ארייגעמופט אין „האַטן", האָב איך זיך ארומגעזען, אז פיניע איז עפּעס גאָר קיין נאָמען ניט, און מלמד אוודאי ניט. איז וואס האָב איך געטאָן? האָב איך זיך געביטן דעם נאָמען — פון פיניע אויף פּאטריק, און פון מלמד אויף מאַקנאַב. און אזוי רופט מען מיך איצטער: פּאטריק מאקנאב. א פיינער נאָמען, ניין? און גלייבט מיר, הערט איר, אז זינט איך האָב געביטן דעם נאָמען, פיל איך זיך עפּעס גאר אן אנדער מענטש.

וואָלט שוין אלץ גוט געווען, האָב איך אָבער צרות פון מיין ווייב: קיין זאך געפעלט איר ניט. ערשטנס, זאגט זי, זעט זי ניט, מיט וואס פּאטריק מאקנאב איז שענער פון פיניע מלמד. און צווייטנס, טענהט זי, אז זינט מיר האָבן אריינ־געמופט אין „האַטן", פילט זי זיך פרעמד. איר דארפט זען א הויז — א פּאלאץ, זאָג איך אייך — זעקס רומס מיט א לאנדזש, מיט צווי באַט־רומס, מיט צווי גאראדזשעס. היינט דארפט איר זען א גארטן! און זי האלט מיך אין איין מאַ־טערן, אז איר איז אומעטיק.

— איז וואס, זאג איך, ווילסטו? אפשר גיין צוריק אין דארנפאנטיין, צו די שנאָרערס דאָרטן? אָ, ניין, דאס זאג איך, וועסטו ביי מיר ניט פּועלן. איך קאָן, א דאנק גאָט, ווינען צווישן מענטשן.

— ווייסטו גאר וואס, זאגט זי, איך האָב א פּלאַן: ציפּע מלמד פילט זיך או־מעטיק, וועט זי גיין צוריק אין דארנפאנטיין. פּאטריק מאקנאבן איז פריילעך, וועט ער בלייבן ווינען אין „האַטן".

— אויב אזוי, ענטפער איך, האָב איך שוין א בעסערן פּלאַן. לאָמיר זיך ביידע אויסלערנען שפּילן אין קארטן און מאכן פּארטיס, וועסטו זען, ווי פריי־לעך דאָ וועט ווערן.

—נו, יאָ, גיט זי א מאך מיטן קאָפּ. דו וועסט זיך אזוי אויסלערנען שפּילן אין קאָרטן, ווי איך — שפּילן פּיאנע.

— בהמה, זאָג איך, און א טשערמאַן פון א סאָסייטי האָב איך געקאָנט זיין?

און א גבאי פון א שול האָב איך געוווּסט ווי צו ווערן? און האַלטן „ספּיטשעס" האָב איך געקאָנט? און פונדעסטוועגן זינט איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט, האָב איך זיך אַלץ אויסגעלערנט.

כאָטש דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך נאָך אַלץ צרות מיט די „ספּיטשעס" מייַנע: כ'לערן זיך און לערן זיך, און קומט עס צום ריידן, פאַרגעס איך וואָס איך דאַרף זאָגן. אָט האָט מיט מיר ניט לאַנג צוריק פּאַסירט אַ קלייניקייט: עס איז געשטאָרבן אַ מעמבער פון אונדזער סאָסייטי, איז אָנגעשטאָט צו מאַכן אַ הספּד, האָב איך שיעור ג'יט געהאַלטן אַ בר־מצווה־דרשה. און עס האָט אַ סך ניט געפעלט אַז דער מת גופא זאָל זיך צעלאַכן...

מיין ווייב אָבער טענהט, אַז זי וויל פון דעם ניט וויסן, אַז מען קאָן ניט ריידן, איז גלייכער אַז מען שווייגט.

— דו, זאָג איך, ווייסט די וועלט ניט איבערמאַכן. אַזוי איז שוין: דער קבצן — שווייגט, און דער נגיד — רעדט. און אַ חוץ דעם, זאָג איך, פאַרגעס ניט, אונדזער טאָכטער איז שוין אַ מיידל אין די יאָרן. שוין צייט פאַר איר צו זען אַ שידוך, און דווקא אַ לייטישן שידוך. איך וויל ניט אַבי וועמען פאַר אַן איידעם — אַ באַלמעלאָכע, צי עפּעס אַזוי אַ גרינהאָרן. איך וויל דווקא אַ ז'אַקטער פאַר מיין טאָכטער. אָבער צו דעם, זאָג איך, דאַרף מען ווינען צווישן מענטשן, און ניט צווישן שנאָרערס.

לאַכט זי זיך פונאַנדער און טוט צו מיר אַ זאָג: איי, פּיניע, פּיניע, ביסט צופּיל, מיטאַמאָל, אַריין אין די פעדערן. דו זוכסט זיך צרות. קיין אַנדערער ווי אַ דאָקטער פּאַסט דיר ניט. און איך, מאַכט זי, קאָן די דאָקטוירים ניט אָנזען: שטודירן און שטודירן און קאָנען אַ קאַץ אַן עק ניט פאַרבינדן. אַלץ וואָס זיי זוכן איז נאָר דעם נדן. נעמען צו די פּאָר פונט און נאָכדעם קוקן זיי אויף דיר, ווי אויף אַ גרינעם...

— ווער איז אַ גרינער? שריי איך אויס. איך? בין איך אַ גבאי אין אַ שול, אָדער ניט? בין איך אַ טשערמאַן פון אַ סאָסייטי, צי ניט? האַלט איך „ספּיטשעס", אָדער ניט? און אַז איך בין ניט געגאַנגען אין „יעניווערסעטע" איז וואָס, האָב איך דעריבער קיין שכל ניט? נאַרישקייטן, זאָג איך, איך בין שוין מער ניט פּיניע מלמד. איך בין איצטער פּאַטריק מאַקנאַב!

זעט איר דאָך שוין. וואָס פאַר אַ שלום־בית עס איז ביי מיר אין הויז: וויל איך ווינען אין „האַטן", וויל זי דווקא אין דאַרנפּאַנטיין. וויל איך אַ דאָקטער פאַר אַן איידעם, וויל זי גראַד אַ שניידער. אָבער זאָגט אַליין: ווען איך בין געווען אַ ייד אַ שנאָרער, האָב איך קיין דאָקטער פאַר אַן איידעם ניט געקאָנט האָבן, און איצטער, אַז איך וויל שוין יאָ דערגרייכן—אויך ניט? טאָ ווען יאָ?...

נאָך אַלץ א גרינער

ווי לאנג איך בין דאָ אין לאנד? פרעגט איר. שוין א פיינע פּאָר יאר, כ׳לעבן. געקומען בין איך דאָ א ייִנגל — א שנעק. און, היינט, בין איך שוין א ייִד אין די יארן: מיט אַ ווייב און קינדער, מיט אייניקלעך, זאלן געזונט זיין. אַז ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, גיט מיר מיינער א באקענטער א פרעג: זאָג דעם אמת, ביסט שוין א בירגער, צי ניט?

— ניין, ענטפער איך. איך האָב קיינמאָל וועגן דעם אפילו ניט געטראַכט. א מציאה מיט דעם, קיין מיניסטער וועל איך סיי ווי ניט ווערן. איז וואס דען? שטימען, א נפקא־מינה מיר, הערסטו, ווער עס זיצט אין פּארלאמענט — בערל צי שמערל? קיין לעבן, זאג איך, וועט פאר דיר קיינער ניט מאכן, אויב דו וועסט אליין ניט ארבעטן.

— רעדסט ווי א גרינער, ענטפערט ער. ווייסט ניט, אז די רעגירונג האָט געמאכט א געזעץ, אז אלע פרעמדע מוזן זיך רעגיסטרירן?

— איז וואס, זאג איך, האָט עס צו טאָן מיט מיר? דאָס מיינט מען די גריי־נע, די ערשט־אריבערגעקומענע, אָבער ניט אונדז, אלטע אפריקאַנער.

נעמט ער ארויס א צייטונג און שטופּט מיר אין פּנים. נא, זאָגט ער, לייען, וועסטו זען ווער עס איז גערעכט.

— לייען דו, זאג איך, ווייסט דאָך, אז איך בין ניט קיין גראַמאָטנער.

נעמט ער די צייטונג און לייענט מיר פאָר, אז אלע, וואָס זיינען ניט קיין בירגער, רעכענען זיך פאר פרעמדע און מוזן זיך רעגיסטרירן. אויב ניט, קומט זיי א שטראָף.

ווער איך שוין א ביסל ווייכער און גיב א פרעג: רעכנסטו, אז עס איז נאָך צייט צו ווערן א בירגער?

— צייט, זאגט ער, איז דא. עס איז אָבער פארבונדן מיט א סך טראָבל. מען מוז קאָנען לייענען און שרייבן ענגליש.

— פאָלג מיר א גאַנג, זאָג איך, גיי לערן זיך אויף די עלטערע יארן שרייבן. אז איך דארף אפילו אונטערשרייבן דעם נאָמען, קומט מיר אויך אָן מיט גרינע

ווערעם — קאַטשערעס מיט פּאַמעלעך. היינט ווער קאַן שוין טראַכטן וועגן שרייבן ווי א מענטש.

— אויב אזוי, מאכט ער, איז טאַקע זייער טרויעריק. איך האָב מורא, אז דו וועסט זיך מוזן רעגיסטרירן מיט אלע גרינע צוגלייך.

קרענקט עס מיך ביזן ביין. אפּגעלעבט דאָ הונטס יאָרן, און נאָך אלץ א גרינער. גיי איך אוועק אהיים, און לאָז אויס מיין ביטער הארץ צו דער ווייב מיינער.

— ביי לייטן א ווייב, זאָג איך, דערמאָנט דעם מאן, אז ער זאָל ווערן א בירגער. און דו גארנישטו! ווייסט ניט, אז פון היינט אָן, זיינען מיר דאָ פרעמדע. און מוזן זיך רעגיסטרירן מיט אלע גרינע צוגלייך.

הייבט זי אָן אויף מיר צו שרייען: זע נאַר, וואָס האָסטו זיך צעיאָכמערט אזוי ווי א יידענע? די וועלט גייט נאָך ניט אונטער. און אז רעגיסטרירן זיך, איז וואָס? מען קאָן דערפון ניט שטאַרבן. און אז מען שטאַרבט, איז אויך ניט גע־פערלעך!

איר הערט א ריידן פון א ווייב! ניט גענוג וואס זי טרייסט מיך ניט, שיט זי מיר נאָך זאלץ אויף די ווונדן.

טראכט איך מיר: פארפאלן. ווי עס וועט זיין מיט אלעמען, וועט זיין מיט מיר. גיי איך אוועק אין פּאָליציי, שטעל זיך אין דער ריי און ווארט ביז מען וועט מיך א רוף טאָן. שטייענדיק אזוי, דערפיל איך א קלאַפּ אין פלייצע. איך קער זיך אום, ס'איז מיין שכן.

— האלאָ, מיסטער קאָהען, גיט ער צו מיר א זאָג. וואס טוט איר דאָ? איר זייט נאָך אויך ניט קיין בירגער? און נאָך איידער ער האָט געענדיקט ריידן, דערפיל איך א צווייטן קלאַפּ אין פלייצע:

— האלאָ, מיסטער קאָהען, וואס טוט איר דאָ? איר זייט אויך געקומען זיך רעגיסטרירן? איר, אזא אלטער אפריקאנער!

שטיי איך און קלער: יאָ ענטפערן, ניט ענטפערן. כאָטש וועלן ווילט זיך מיר זיי זאָגן: וואָס ארט עס אייך, צי איך בין א בירגער, צי ניט, עס איז אייער ביזנעס? קיין אנדערע זאָרג האָט איר ניט? ... נאָר גיי הייב זיך אָן מיט היינטיקע גרינע. דו וועסט זיך מיט זיי פארטשעפּענען, וועלן זיי דיר נאָך אפּ־טאָן א שפּיצל אויך.

און אזוי ווי איר זעט, בין איך דאָרטן אפּגעשטאַנען א גאַנצן טאָג, פאר־דאָרט און פארקוואָרט, ניט געגעסן און ניט געטרונקען, און געוואָרט, אז מען

זאָל מיך א רוף טאָן. און ווען עס איז שוין געקומען צו מיין ריי, קומט ארויס א פּאָליסמאַן, און בעט מיך, איך זאָל זיך מטריח זיין און קומען מאָרגן.

נו, פרעג איך אייך, קאָן מען ניט פּלאַצן פון פארדרוס? איך, אן אלטער אפּ־ריקאנער, מיט א ווייב און קינדער, מיט אייניקלעך, זאָלן געזונט זיין, בין מיט אמאָל געווארן א פרעמדער, און אלץ דערפאר, וואס איך בין ניט קיין בירגער. און אז ניט א בירגער, איז וואס, דארף מען אזוי פייניקן א מענטשן? גאָר גיי זוך ביי א פאליסמאַן יושר.

און צוריק ריידנדיק, וואָס איז דער פּאָליסמאַן שולדיק, אז איך בין א גרינער?...

אוי, די קאָרטן

איך ווייס, איר וועט אודאי פון מיר לאכן, רופן מיך: גולם, לעקיש, שמענדריק, ליימענער טאָפּ און נאָך אזעלכע נעמען, און אלץ דערפאר, וואס איך לאז זיך אזוי פירן פון מיין ווייב פארן נאָז. אָבער אז מען האָט מער ניט ווי איין ווייב, ווילט זיך ניט מאכן קיין לייטישע געלעכטערס.

וואָס קלערט איר, עס איז ביטער. א גאנצן טאָג בין איך ביזי צו מאַכן א לעבן. קום איך א היים, ווער איך ווידער ביזי: דאָ דארף איך די קינדער געבן עסן, דאָ זיי ארומוואשן און נאָכדעם זיי לייגן שלאָפן. און אז איך ווער שוין פארטיק מיט זיי, דארף איך ערשט אליין גיין מאכן וואס צו עסן.

ווו איז דאס ווייב? פרעגט איר, א שיינע קשיה, כ׳לעבן. עס זיינען דאָך עפּעס דאָ קאָרטן אויף דער וועלט, איז זי טאָג און נאָכט מיט דעם פארנומען! און אָז זי איז שוין א ווילע יאָ, דאָ, אינדערהיים, מיינט איר אז איך האָב וואָס פון איר? אז כסדר — דאס גייט ארום מיט א נאָטיץ־בוך אין דער האנט און קוקט: ווו זי דארף גיין היינט אוונט, און מארגן אוונט, און איבערמארגן אוונט, און ווו זיינען די נאָכמיטאָגס — א הונט? איך האָב שוין געשריען, געליאַרעמט, געסטראשעט, אָבער עס העלפט ניט: סיידן—א גט. היינט גיי גט זיך מיט א ווייב איבער דעם, וואס זי שפילט אין קאָרטן. מען וועט דאך פון דיר לאכן אין די הויפנס.

איינמאל גיב איך צו איר, גוטמוטיק, אַ זאג: בעסי, טייערע, אפשר וואלסטו אויפהערן צו שפילן אין קאָרטן, ווי לאנג איז דער שיעור צו פירן אזא מין לעבן? מילא דיין מאַן קאן גיין צו אלדע רוחות, א מציאה מיט אים. אָבער די קינדער, גזלנטע, זיי זיינען דאָך מיינע פונקט ווי דיינע. נעמסט, זאָג איך, ברעק־לעך קינדער און לאזט זי· איבער גאנצע טעג מיט דער שיקסע, און אליין גייסטו אוועק שפּילן אין קאָרטן. איז דאָס א תכלית? ברענגסט אונטער מיך, מיט די קינדער, מיט דעם הויז און אליין פטרסטו דיין געזונט: ניט דו עסט, און ניט דו שלאָפסט. וואָס, זאָג איך, וועט ווערן פון אזא לעבן?

קוקט זי מיך אָן, און גיט שטרענג א זאָג: דזשייקאָב, איך וויל פון דיר קיין מוסר ניט הערן. עס זיינען מער ניטאָ די אמאָליקע יארן, ווען דאס ווייב האָט

נאָר געוווסט פון טראָגן, און האָבן און זויגן, און האָדעווען קינדער — היינט איז אַן אַנדער צייט. די פרוי וויל זיין מיטן מאַן גלייך — ארויסגיין ווען זי וויל, קומען ווען זי וויל און טאָן וואס זי וויל.

— און וואס וועט ווערן פון די קינדער? פרעג איך זי.

— אויב די קינדער, ענטפערט זי, זיינען ביי דיר יא אזוי טייער, טאָ נעם צו זיי נאָך א שיקסע.

אָבער ווו, זאג איך שטייט עס געשריבן, אז דו מוזט שפּילן אין קאַרטן? קיין אנדערע פאַרגעניגנס אין לעבן זיינען שוין גאָר ניטאָ?

— אָט דאָס, מאכט זי, איז מיין פּלעזשור. און אויב איך זאָל אויפהערן צו שפּילן אין קאָרטן — ווער איך קראַנק. און א חוץ דעם דאַרפסטו וויסן, אז איך שפּיל נאָר פאַר טשאַריטי. א שיין פּנים, זאגט זי, וואָלטן געהאַט אַלע דיינע חברהס, מיט סאָסייטיס, מיט פאַראייַנען, ווען ניט אונדזערע קאַרטן־פּאַרטיס. ווען ניט מיר, וואָלטן זיי שוין לאַנג אונטערגעגאנגען.

— עס איז זייער פיין פון דיר, זאָג איך. איך האָב ביז איצטער גאַרניט געוווסט, וואָס פאַר א גוט האַרץ דו האָסט. אָבער ווייסטו ניט, אז די היים איז בילכער פון אַלץ?

נאָר רייד צו איר און רייד צו דער וואַנט. אז עס העלפט ווי א טויטן באַנקעס.

וואס זאל איך אזוי פיל דערציילן, עס האט מיך אַזוי דערעסן, אַז איך האָב באַשלאָסן צו מאכן דערצו א סוף. איך בין אוועק אין הויז ווו זי האָט געשפּילט קאָרטן, און געוואָלט מאכן א סקאַנדאַל, אפשר וועט זי זיך דאַן פאַרשעמען און אויפהערן צו שפּילן. אָבער דערזעענדיק ווי איך בין אזוי אויפגערעגט, האָט זי, קענטיק, פאַרשטאַנען וואס דאָס מיינט, און האָט אויף מיר א קוק געטאָן אַזוי זיס און ליבלעך, אַט ווי ערשט נאָך דער חתונה, און, שמייכלענדיק, האט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן: האַלאָ, דאַרלינג! איך דאַרף דיר טאַקע האָבן... גיב מיר עפּעס פאַר מזל... און מיט אמאָל, הערט איר, איז מיר אַפּגעגאַנגען דער כּעס, אז איך האָב אפילו פאַרגעסן צוליב וואס איך בין געקומען...

איז וואס זאָגט איר איצטער, א גט, הא? און וואס וועט ווערן פון מיר מיט די קינדער? איז וואָס דען, ניט קיין גט, טאָ וואָס קאָן איך זיך אזוי?... וואָס קלערט איר, מיט איר איז שלעכט, און אָן איר איז נאָך ערגער...

נאָך די וואַלן

אזוי, הערט איר. קען מיך קיינער ניט. ניט מען ווייסט ווער איך בין, און ניט וואס איך בין. קומט עס אבער נאענט צו די וואַלן, ווער איך, מיטאַמאל באַ־וווסט: איך ווער זיס, און ליב, און טייער, און וואָס איר ווילט אליין. היינט דאַרפט איר זען, וואָס פארא בריוו איך קריג — צוקער זיס! אָט, אדרבה, איר מעגט עס הערן:

ליבער מיסטער פויגלמאן!

איך האָב דעם פארגעניגן זיך ווענדן צו אייך, אז איר זאָלט פאר מיר שטימען. איך זאג אייך צו, אז אויב איר וועט מיך אויסוויילן צו זיין אייער פארשטייער, וועל איך קלערן נאָר וועגן אייך. איר הערט, נאָר וועגן אייך. און דערצו נאָך באקומט איר פון מיר א מתנה — א ראדיאָ. געדענקט, שטימט נאָר פאר מיר. שטעלט אוועק א צלם נעבן מיין קאָפּ.

אייער אייביקער פריינד מיסטער קאצניאמער...

איי, איי, איי! קלער איך ביי זיך, ער מוז זיין א גאָלדענער מענטש אָט דער קאצניאַמער, אז קיין אנדער זאך ליגט אים ניט אין זינען, ווי נאָר צו קלערן וועגן מיר. אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאט צו באשליסן, קריג איך א צווייטן בריוו מיט אן אנדער נוסח:

טייערער מיסטער פויגלמאן!

איך ווענד זיך צו אייך ווי צו א פריינד. אויב איר ווילט אז עס זאל אייך זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט — שטימט פאר מיר. אויב איר ווילט פטור ווערן פון אלע אייערע צרות — שטימט פאר מיר. באלד ווי איך ווער אויסגעוויילט, קריגט איר פון מיר א מתנה א מאָטאָר־קאר. לאָזט זיך ניט פארפירן און שטימט נאָר פאר מיר.

אייער אומפארגעסלעכער פריינד מיסטער קונצנמאכער...

דורכגעלייענט די בריוו, האָט מיר דאס הארץ גענומען טאנצן פאר שמחה. איך האָב ארומגעכאַפּט מיין ווייב און זיך גענומען דרייען אין דער רונד: יענטעלע! האָב איך אויסגעשריען, לאָמיר טאנצן. זע נאָר וואָס מיר וועלן דאָ באלד באקומען.

— דו זע נאָר, מאַכט זי, אז דיינע קאנדידאטן זאָלן דיר אקערשט ניט אָפּבלאָפן. ווען זיי דארפן דיך, וועלן זיי דיר צוזאָגן גאלדענע בערג. און נאָכ־דעם וועלן זיי דיר ווייזן א פייג.

— רעדסט ווי א יידענע, זאג איך: און דאָס, וואס איך האָב שווארץ אויף וויס, איז ביי דיר גארנישט? נאָר גיי רייד מיט ווייבער, אז אין קיין זאך גלייבן זיי דיר ניט.

א ביסל שפעטער, האָב איך ארויסגענומען די בילדער פון מיינע ביידע קאנדידאטן און גענומען קוקן, ווער פון זיי עס זעט אויס לייטישער. און נאָך א ווײלע קוקן, האָב איך באשלאָסן צו שטימען פאר מיין פריינד — מיסטער קונצנמאכער.

דער טאָג פון די וואלן איז ביי מיר געווען א יום־טוב. איך בין אויפגעשטאַנען גאנץ פרי, און בין אוועק אים העלפן צו ווערן מיין פארשטייער. ער האָט מיך פריינדלעך אויפגענומען און באַהאַנגען מיך מיט פלאַקאַטן און געהייסן גיין איבער אלע גאסן און שרייען: שטימט פאר מיסטער קונצנמאכער!

א גאנצן טאָג בין איך אזוי ארומגעגאנגען, שרייענדיק. ווען עס איז געווארן גאָר שפעט, האָב איך זיך דערמאָנט, אז איך אליין האָב נאָך ניט געשטימט. האסטיק בין איך אריין אין א ביידל, ווו מען האָט געשטימט, און מיט ציטערדי־קע הענט האָב איך אוועקגעשטעלט א צלם נעבן מיין קאנדידאטס נאָמען, און בין אוועק א היים א צופרידענער.

אויפגעשטאַנען, האָב איך די ערשטע זאך געקויפט א צייטונג און גענומען זוכן ווער עס איז אריין. און נאָך א ווײלע זוכן, האָב איך דערטאַפּט אז מיסטער קונצנמאכער האָט געשלאָגן זיין קעגנער מיט איין שטימע. עס איז מיר אראָפּ א שטיין פון הארצן: אזא פארמעגן אין קאָן! עס איז דאָך עפּעס ניט קיין קליי־ניקייט!

שפּעטער־צו, בין איך אוועק זען מיין פריינד מיסטער קונצנמאַכער.

— ווער זייט איר? גיט ער מיר א פרעג.

— וואס הייסט ווער? ענטפער איך אים. איר דערקענט מיך שוין ניט? איך בין דאָך אייער פריינד פויגלמאן.

— איז וואָס זשע ווילט איר?

— וואָס הייסט? שטאַמל איך ארויס. איך בין געקומען אַפּנעמען די... די... מאַטאָר־קאַר, וועלכע איר האָט מיך צוגעזאָגט.

— וועלכע קאר? וועלכע קאַץ? מאכט ער. איר זייט אראָפּ פון זינען, צי וואס?

— איר האָט דאָך, זאג איך, מיר אליין צוגעזאגט אז...

— ווער האָט אייך צוגעזאגט? מאכט ער, וואס דרייט איר מיר דאָ א קאָפּ. גייט אהיים און שלאָפט זיך אויס, איר רעדט פון היץ...

אז איך בין געקומען אהיים, גיט מיין ווייב, איראָניש, א פרעג: זע נאָר, ביסט גאָר געקומען צופוס? און ווו איז די מאָטאָר־קאר דיינע?

— עס וועט נאָך קומען, ענטפער איך, ניט קוקנדיק אויף איר.

— איך האָב דיר אָבער פריער געזאגט, מאכט זי, אז דו וועסט קריגן א פייג.

איך האָב מערניט געענטפערט און בין, א פארשעמטער, ארויס פון הויז..

ווייסט איר אַמאָל פון אַ שיקסע?

וואָס ווייסט איר וויפיל מען לײדט זיך אויס פון די שווארצע, איר האָט דען אן אנונג? הערט א מעשה: אנומעלט האָב איך אַנגענומען א קיטשן־באָי, א פּי־קענין. האָט איר געדארפט זען זײן עסן! דרײ ברויטלעך א טאָג, ווי איר זעט מיך לעבן. הײנט צוקער : ער האט מיר באַלד בדלות געשטעלט. וואָלט ער געטאָן זײן ארבעט, וואָלט נאָך געווען א האלבע צרה. איז דאס אויך ניט. אז אין גאנצן זײנען מיר א קלײנע פאמיליע: איך און מײן מאן און פינף שטיקלעך קינדער. און א הויז אויך ניט קײן גרויסע — אינגאנצן זעקס רומס. און וואס צו טאָן איז אויך ניטאָ קײן סך. אָט וועל איך אײך טאָקע אויסרעכענען: וואַשן דאָס געפעס, אפּווישן די מעבל, רײן מאכן די דילן, אנטאָן די קינדער, דורכפירן די בײבי, וואשן דעם הונט, רײניקן די מאָטאָר־קאר, אוועקטראגן מײן מאן עסן און נאָך עטלעכע קלײניקײטן — און דאס גאָר. נו, איז עס ארבעט? איך פרעג אײך. און ער — דרײט זיך און ווערט פארפאלן. ווער איך אין כעס און נעם צו אים שרײען: טשעטשע, פּיקענין*)! מײנט איר, אפשר, אז עס העלפט? א נעכטיקער טאָג! איך שרײ, און ער טוט וואס ער וויל.

אײנמאָל האָב איך פארלאָרן דאָס געדולד און אים געווארפן מיט א טעלער אין קאָפּ. צעווײנט ער זיך און בעט זײן פּאַס.

— מינע פונע האַמבאָ**)! זאגט ער.

— אלרײט, זאָג איך, ווילסט גײן — גײ. דו מוזט מיר אָבער געבן א מאָ־נאט נאָטיס.

— אָי קאָנע נאָטיס, ענטפערט ער. און פאָדערט זײן פּאָס מיט די ווײדזשעס.

שלעכט. וואָס טוט מען דא? מײן מאן איז אין ביזנעס, און איך בין אלײן. האָב איך געלאָזט רופן א פּאָליסמאן. דער פּאָליסמאן איז געקומען, האָב איך אים אויסדערצײלט אלע מײנע טראָבל. ער האָט אויסגעהערט און מיך א פרעג

---

*) האַסטיקער, דו קלײנער!

**) איך וויל אַוועקגײן.

געטאָן, צי איך וויל דעם באַי אָנקלאָגן, אָדער איך וויל אים באַצאָלן און לאָזן גיין. איך האָב אים באַצאָלט זיינע ווידזשעס, און זאָל ער גיין טו העל.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און איך האָב אָנגענומען אַן אַנדער באַי: גאַרניט קיין שלעכטער, אַרבעט ווי אַ פערד פון פרי ביז ביינאַכט. איז אָבער די צרה מיט אים וואָס ער האַלט אין איין זינגען! וואָס ער זאָל ניט טאָן, טאַנצט ער זיך אונטער און זינגט. ער האָט שוין אַזוי, זינגענדיק, באַלד אויסגעבראָכן אַ שטוב מיט טעלער. זינגט און ברעכט, ברעכט און זינגט. און אַז איך רייד אים אויס אַ וואָרט, קוקט ער מיך אָן און זינגט ווייטער.

איך האָב אים דערלאַנגט דעם פּאַס, און גיי געזונט.

נאָך דעם באַי האָב איך שוין אָנגענומען אַ שיקסע. אויף אַ שיקסע, האָב איך זיך געטראַכט, קאָן מען זיך מער פאַרלאָזן מיט די קינדער. וואָלט שוין געווען גאַר גוט. אַרבעט זי אָפּ אַ פּאָר טעג און רוימט מיר איין אַ סוד, אַז זי מוז גיין אַהיים. וואָס איז? זי דאַרף גיין האָבן אַ בייבי... וואָס אַ קאָפּערטע קאָן!

שלעכט, וואָס טוט מען איצטער? קיין אַנדער שיקסע מאַכט זיך גראָד ניט. און דאָ האָב איך אַזויפיל אינוועטיישאָנס צו קומען שפּילן ראַמי. קלינג איך אָן מיין מאַן און רייד זיך פאַר אים אויס מיין ביטער האַרץ. הערט ער אויס און גיט אַ זאָג, אַז איך זאָל זען אַ פּאָר טעג אויסקומען אָן אַ שיקסע. איך בין, הערט איר, געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב געוואָלט נעמען די קינדער מיטן הונט און ברענגען זיי צו אים. זאָל ער זיי האַלטן, וועט ער וויסן, וואָס דאָס מיינט.

קוים מיט צרות געקראָגן אַן אַנדער באַי. איז איידער ער האָט נאָך אָנגעפאַנגען אַרבעטן, האָט ער מיך שוין אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס די מיסיס זוכט אַלע טאָג נייע באָיס, און אויב עס איז אמת, אַז איך שריי אויף זיי? געוואָלט האָב איך אים הייסן גלייך גיין. איך האָב זיך אָבער געמאַכט ניט הערנדיק: זאָל מיינס איבערגיין. אָבער גלייך אויף מאָרגן גיט ער מיר אַ זאָג, אַז ער וויל זיך ניט פאַרנעמען מיט די קינדער. „מי קאָנע נוירס גירל״1) — זאָגט ער. טוט אָפּ זיין אַרבעט, פּוצט זיך אויס, נעמט די גיטאַרע אין האַנט און גייט שפּאַצירן. איר האָט שוין װען געזען אַזאַ חוצפה פון אַ קאָפּער? ער גייט שפּאַצירן, און מיך לאָזט ער איבער מיט די קינדער. און רייד איך אויס אַ וואָרט, בעט ער דעם פּאָס און וויל גיין.

זעענדיק, אַז איך וועל מיט דעם אויך גאַרנישט מאַכן, האָב איך אָנגענומען

1) איך האָדעווע ניט קיין קינדער.

אַן אנדער באַי. האלט ער אין איין בורטשען. קנאקט מיט דער צונג, דרייט מיטן קאָפּ און רעדט כסדר צו זיך: שאַבענדזשע מאַנינגי, מאַלי פּיקעניני1). פארשטייט איר דאָך שוין, אַז קיין טון זאלץ האָט ער ביי מיר ניט אויפגעגעסן. ווילסט ניט ארבעטן — גיי...

אבער וואס טוט מען איצט? בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אנצונעמען אַ באַי מיט א שיקסע: וועט אוועקגיין דער באַי, וועט בלייבן די שיקסע; וועט אוועקגיין די שיקסע, וועט בלייבן דער באַי. ביידע, מיטאמאַל, וועלן זיי דאָך ניט אוועקגיין. אָבער ווי זאגט מען: אַז עס איז ניטאָ קיין מזל, העלפן ניט קיין חכמות. קום איך, איינמאַל, פון גאַס און געפין די טיר אָפן, דער הונט בילט, די קינדער שרייען און ניטאָ — ניט קיין באַי און ניט קיין שיקסע. הייב איך אָן צו רופן: דזשים! מערי! קיינער רופט זיך ניט אָפּ. ערשט, שפּעט אין אָוונט, לאָזן זיי זיך ביידע אריין, האלב־שיכור, און לאכן.

וואס איז דאָס? גיב איך זיי א פרעג.

מיסיס — ענטפערט ער מיר, לאכנדיק — מי ענד מערי גאָט מעריד... מי ענד מערי גאָ האָם... באמבאַי, קאם בעק... גוד ביי מיסיס!...

און אַזוי ווי איר זעט, בין איך געבליבן אָן אַ באַי און אָן אַ שיקסע.

צי ווייסט איר אַמאָל פון אַ שיקסע?...

---

1) א סך ארבעט און ווייניק געלט.

אַ לאָטעריי - צעטל

הגם לייזער דער שניידער האָט זיין גאַנץ לעבן שווער געאַרבעט, האָט ער דאָך ניט געקאָנט אָפּשפּאָרן, אַז ער זאָל ניט דאַרפן אַרבעטן אויף די עלטע־רע יאָרן. מאַכט זיך אַמאָל, אַז עס קומט צו אים אַריין אַן אַגענט פון לאָטעריי־צעטלען, און באַט אים אָן צו קויפן אַ צעטל, וואָס מען קאָן אויף אים געווינען דרייסיק טויזנט פונט. לייזער האָט אוועקגעלייגט די שער, אַרויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן, און, באַטאַפּנדיק דעם צעטל, האָט ער, קאַלטבלוטיק, אַ זאָג געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, פעטער, אויב מען קאָן אויף דעם יאָ געווינען דרייסיק טויזנט פונט, טאָ פאַרוואָס זאָלט איר עס וועלן יענעם אוועקגעבן אַזאַ אוצר מיט געלט?

— איך וועל אייך דערקלערן — האָט דער אַגענט זיך אָפּגערופן — אַזעלכע צעטלען ווערן פאַרקויפט אין די טויזנטער, און ווער ס'איז מזלדיק און ציט אַרויס דעם ריכטיקן נומער, דער געווינט.

לייזער האָט ווידער באַטאַפּט דעם צעטל און פון דאָסניי אַ זאָג געטאָן: ווילט איר, הייסט ער, מיך איינריידן, אַז אַזאַ שטיקל פּאַפּיר קאָן געווינען אַזוי פיל געלט?

— עס איז ניט דאָס שטיקל פּאַפּיר אַליין, האָט אים דער אַגענט ווייטער געפּרוווט דערקלערן. די צעטלען ציט מען צוזאַמען מיט די נעמען פון געוויסע פערד. און אויב אייער נומער ציט אַרויס אַ פערד, און דער פערד לויפט און געווינט, קריגט איר אויסגעצאָלט דרייסיק טויזנט פונט. איר הערט, דרייסיק טויזנט פונט!

לייזער האָט צוגערופן דאָס ווייב און, שמייכלענדיק, אַ זאָג געטאָן: וואָס זאָגסטו, מלכה, דער לאַנדסמאַן וויל מיר פאַרקויפן אַ צעטל, אויף וועלכן מען קאָן געווינען דרייסיק טויזנט פונט. זאָל איך עס קויפן?

מלכה האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, זיך אָפּגעווישט די נאָז מיטן פאַרטעך און אַ זאָג געטאָן: כ'ווייס, וואָס קאָנסטו דערביי פאַרלירן! נעם איינעם, אפשר וועט פּאַסירן אַ נס, און דו וועסט ווערן אויס שניידער.

לייזער האָט באַצאָלט דעם אַגענט, גענומען דעם צעטל און באהאלטן טיף אין קעשענע, מורא־האָבנדיק, אַז ער זאָל עס, חס ושלום, ניט פאַרלירן.

אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ לענגערע צייט, און ער האָט גאַרנישט געהערט פון צעטל, איז ער אַביסל געוואָרן אומרויק. ווער ווייסט, איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, וואָס מיט די אַגענטן קאָן פּאַסירן. ס'איז רעכט, אַז ער נעמט דרייסיק טויזנט פונט און אַנטלויפט. איי, דער צעטל? איז אָן אַ צעטל!

פלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר, און עס איז אַריינגעקומען דער אַגענט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

— מזל־טוב אייך, רב לייזער, גיט ער צו אים, פריילעך, אַ זאָג. איר האָט געצויגן אַ נומער מיט אַ פערד.

לייזערן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. טאַקע? האָט ער קוים אַרויסגעכריפּעט. און ווו איז דאָס געלט?

— איילט זיך ניט, רב לייזער, האָט דער אַגענט צו אים געזאָגט. דער פערד דאַרף צוערשט אַריינלויפן, און נאָכדעם קריגט איר אויסגעצאָלט ביז אַ פּעני. איך בין אָבער אייך געקומען פרעגן, צי איר וואָלט ניט וועלן פאַרקויפן אַ האַלבן צעטל פאַר פופצן טויזנט פונט?

לייזער האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד, און, אָנקוקנדיק דעם אַגענט מיט פאַרדאַכט, האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן: צו וואָס זאָל איך נעמען גאַנצע פופצן טויזנט פונט און אַוועקגעבן יענעם?

— יאָ, האָט דער אַגענט ווייטער געפּרוווט ריידן. איר ווייסט דאָך, אַ פערד איז ניט קיין מענטש, אָט פאַרעקשנט עס זיך און בלייבט גאָר שטיין. אָדער ער לויפט און גליטשט זיך אויס. מאַלע וואָס עס קאָן מיט אַ פערד טרעפן.

— טפו, זאָלט איר ווערן! האָט לייזער אַ זאָג געטאָן, בייסט זיך בעסער אָפּ אַ האַלבע צונג.

אין יענער נאַכט האָבן זיך לייזערן אין שלאָף אָנגעפּלאָנטערט משונהדיקע זאַכן. אָט חלומט זיך אים, אַז ער איז געוואָרן אַ פערד. גייט אַרום אויף אַלע פיר און קייט גראָז... און אָט חלומט זיך אים ווייטער, אַז ער שטאַרבט פלוצלינג אַוועק און וויל גיין גלייך אין גן־עדן, אָבער ביים טויער שטייט אַ מלאך און לאָזט אים ווייטער ניט גיין. וואָס איז? קיין פערד אין גן־עדן לאָזט מען ניט אַריין!...

— מלכה! שרייט ער, פלוצלינג, אויס פון שלאָף. ס'איז מיר ניט גוט. איך שטאַרב.

מלכה איז צוגעלאפן ניט־טויט און ניט־לעבעדיק, און מיט שרעק איט א פרעג געטאָן: וואס איז מיט דיר, לייזער?

אוי, מלכה, האָט ער געקרעכצעט, איך בין א פערד... א פערד...

אין עטלעכע טעג ארום האָט אים דער אגענט געבראכט די בשורה, אז דער פערד איז געבליבן פון הינטן. און אלץ וואָס ער, לייזער, באקומט, איז גאנצע הונדערט פונט.

לייזער האָט אראָפגעלאָזט זיין קאָפּ, ארויסגענומען דעם צעטל פון קעשע־נע, צעריסן עס אויף שטיק־שטיקער און זיך געזעצט צוריק צו דער ארבעט...

אַ געשפּרעך צווישן צוויי ווייבער

ערשטע: — וואס האָט איר איצט — א באַי צי א שיקסע?

צווייטע: — א באַי.

ערשטע: — עפּעס א גוטער באַי?

צווייטע: — אזא יאָר אויף זיי, ווי גוט זיי זיינען. אָדער זיי שטייען אין גאס און ריידן, אָדער זיי פארברענגען זיך מיט די שיקסעס.

ערשטע: — יו טעלינג מי, מען ליידט זיך גענוג אָן פון זיי. מערגיט, עס ווילט זיך ניט בייטן אלע טאָג קיין נייע באַיס.

צווייטע: — וואס דארפט איר מער. איך האָב איצטער א באַי, מאכט ער מיר אָן די שלאָק. איין טאָג זאָג איך צו אים: דזשאָן, טאָטאַ לאָ פּאָט. פּאַגא לאָ וואָטער 1). דאכט זיך אזוי פליין, אז א קינד קאָן עס פארשטיין. נעמט ער, דער באַבעיאַן, און טראָגט אריין, איר זאָלט מיך אנטשולדיקן, דעם ... גלייבט מיר, ווען איך האָב וואָס אין האַנט, דערלאַנג איך אים איבערן קאָפּ. אזא מאמפּאָרע2) פון א קאפער!

ערשטע: — ווען איך בין אויף אייער אָרט, גיב איך אים דעם פּאס, און זאָל ער גיין. וואָס איז, מען קאָן קיין קאפערס ניט קריגן?

צווייטע: — איך וועל אייך זאגן דעם אמת, איך אליין וואלט אים שוין לאנג ארויסגעטריבן. לאָזט אָבער מיין מאן ניט. דו וועסט, זאגט ער, קיין בעסערע ניט קריגן. זיי זיינען אלע איין שווארץ יאָר.

ערשטע: — אָט פּונקט ווי מיין מאַן. ער האָלט מיר אויך אין איין דורענען א קאָפּ, אז איך זאל ניט שרייען אויף די קאפערס. וואס מער, טענהט ער, דו וועסט אויף זיי שרייען, אלץ ווייניקער וועלן זיי דיר פאלגן. און צווייטנס,

---

1) נעם דעם טאָפּ און גיס אָן מיט וואסער.
2) דום־קאָפּ.

זאגט ער, פאַרגעס ניט, אַז אַ שוואַרצער איז אויך אַ מענטש, און וויל אויך ניט ארבעטן ווי א דאָנקי1). יאָ, אַט אזוי זיינען די מענער. די קאפערס זיינען ביי זיי טייערער, ווי זייערע אייגענע ווייבער.

צווייטע: — איך טענה מיט מיין מאן פונקט דאָס זעלבע. אָבער אזוי זיינען די מענער, איר וועט זיי שוין ניט איבערמאכן... איז וועמען האלט איר איצטער?

ערשטע: — איך האָב געהאט אָנגענומען א שיקסע, האָט זי געטויגט אויף צען גוטע קלאָגן. אנומלט שיק איך זי מיט דער בייבי אין פארק. ברענגט זי איר צוריק מיט א צעבלוטיקטן נעזל. איך האָב דאָס דערזען, האָט מיך גע־נומען ווארפן ווי אין א קדחת. ליזי! נעם איך אויף איר שרייען: וואָס האָט דאָ פאסירט? קוקט זי מיך אָן און רעדט ניט קיין ווארט, גייט אריין צו זיך אין רום, פאקט צוזאמען אירע שמאָכטעס און גייט. ווו גייסטו? פרעג איך איר. די מיכיס, מאכט זי, איז נאָ גוד. די מיסעס מיינט, אז זי שרייט דאָס אויף איר מאן.. איר האָט געהערט א חוצפה פון א קאפערטע! זי גייט מיך לערנען, ווי איך דארף ריידן צו מיין מאן. איך זאָג אייך, משוגע קאן מען פון זיי ווערן.

צווייטע: — איז וואס רעכנט איר איצט צו טאָן?

ערשטע: — איך זאל אזוי וויסן פון זיי, ווי איך ווייס וואס צו טאָן. מילא, די וועש גיב איך שוין ארויס. אבער וואס טוט מען מיט דעם הויז? איך האָב אפילו ניט ווער עס זאל מיר איבערבייטן אַ האַנט, אַרויספירן די בייבי אַ ווײלע. מיין מאן, אפילו, זאגט, אז מיר זאָלן נעמען א פלעט. דאָרטן, מאכט ער, וועסטו ניט האָבן קיין טראבל אלע טאָג מיט נייע שווארצע. נאָר איך גליין ניט קיין פלעט... (גיט זיך א כאפ) אנטשולדיקט, איך מוז לויפן. פארגעסן, אז איך האָב ארויפגעשטעלט קאָכן פיש.

צווייטע: — טאָקע גוט, וואס איר האָט מיך דערמאָנט. מיין מאן וועט קומען אהיים און מיך ניט געפינען, וועט זיך טאָן מעשים.

ערשטע (לויפנדיק): — ביי, ביי!...

צווייטע (לויפנדיק): — טאַ, טאַ!...

---

1) אײזל.

איך קריג א „טיפ"

וואָס איר זאלט אויף מיר ניט זאגן — קיין געמבלער בין איך ניט. איך שפּיל ניט אין קארטן און ניט אין רייסיס. אזא מענטש בין איך.

טרעף איך ניט לאנג צוריק מיינעם א באקענטן. זאגט ער צו מיר: דזשעק, ווילסט מאַכן אַ פּאר פונט?

— א פּאָר פונט, ענטפער איך, פארוואס זאָל איך ניט וועלן?

— אָלרייט, זאגט ער. קום מיט מיר צו די רייסיס. איך האָב א „טיפּ", זאָג איך דיר, טאַקע פון פערד אליין. איך קען דעם פערד, ווען ער איז נאָך געווען א בייבי... און ער הייבט מיר אָן אויסצורעכענען דעם גאנצן יחוס: דעם טאַטן מיט דער מאמען, דעם זיידן מיט דער באבען — די גאנצע פערדישע פאמיליע.

— לאָז מיך אָפּ, זאג איך. ווייסט דאָך, אז איך בין א קאלטע נשמה, און גלייב ניט אין די גליקן. אַ פערד בלייבט אַ פערד. און אז ער וועט ניט אַריינלויפן, וועסטו אים רופן פוטער־נאַשער?

— רעדסט ווי א נאַר, ענטפערט ער, וואס הייסט ניט אריינלויפן. אז איך קען דעם פערד ווי זיך אליין.

זעענדיק, אז מיין פריינד רעדט מיט אזא זיכערקייט, האָב איך עפּעס קיין הארץ ניט געהאַט אים אָפּצוזאגן. און, אפשר, איז מיר דורכגעלאָפן א געדאנק, קאָן מען טאַקע מאכן א לייכטע פּאָר פונט, פארוואס ניט?

ווען מיר זיינען געקומען אויפן פּלאץ, פירט מיין פריינט מיך צו צו א פערד און שטעלט מיך, שמייכלנדיק, פאָר: זייט באקענט! מיסטער דזשעק און מיסטער „מונשיין"... נו, גיט ער מיר א פרעג, ווי געפעלט דיר דער פערד? גיב נאָר א קוק — א האלדז, פיס! עס איז דאָך א פארגעניגן צו קוקן.

— איך וועל דיר זאגן דעם אמת, זאג איך, ביי מיר האבן אַלע יוונים איין פּנים: דער פערד, יענער פערד — אלע איין שווארציאר.

— וואס איז מיט דיר דאָ וואָס צו ריידן, גיט ער א מאך מיטן האנט. ווען

דו האָסט, ווי איך, צו טאָן מיט אזויפיל פערד, וואָלסטו אנדערש גע־רעדט.

ער האָט מיך צוגעפירט צו א מאַן, און מיך געהייסן ארויפלייגן א פּאָר פונט טאָקע אויף „מונשיין". און דערביי, שטאַרק פארזיכערט, אז דער פערד מוז געווינען.

דער „רייס" האָט זיך אָנגעהייבן. עס איז געווארן א טומל און א ליארם אזש פארטויבט צו ווערן. מענטשן מיט אפענע מיילער און אויסגעשטרעקטע העלד־זער האָבן, אויפגערעגט, געקוקט ווי די פערד לויפן.

מיין באקענטער איז געשטאַנען מיט א פארגרעסער־גלאָז און, אָנגע־שטרענגט, געקוקט, און דערביי זיך געקרימט, ווי ער וואָלט געהאט בויך־וויטאָג. איך בין מיר אזוי געשטאַנען און באקוקט די אויסגעפוצטע הערן און דאמען, און אויסגעזען האָט עס מיר, ווי זיי וואלטן אהער געקומען געבן די פערד א באנקעט...

פלוצלינג איז געווארן א פאטשעריי. דער „רייס" איז אריבער. מיין באַ־קענטער האָט אראָפּגענומען די פארגרעסער־גלעזער, צוגעגאנגען צו מיר, האַלב־אומעטיק, און א זאָג געטאָן: וואָס זאָגסטו צו דעם, דער פערד איז דאָך ניט אריין.

— ניט אריין ? שריי איך אויס: און ווו איז דער זיידע מיט דער באבען ?

— שאַ, שאַ, שריי ניט אזוי, זאגט ער, א נאָווינע, אז א פערד פארלירט. עס טרעפן אזעלכע זאכן... אָט לויפט באלד א צווייטער פערד, איז ער גאָלד מיט זילבער, זאָג איך דיר, איך לייג מיין קאָפּ אויב דער דאָזיקער פערד וועט ניט געווינען.

מילא, טראכט איך מיר, וואס וועט שוין דאָ העלפן מיין שרייען? מען דארף זען כאָטש ארויסצוקריכן מיט גאנצע ביינער. אפשר וועט דער צווייטער פערד יא געווינען. מען קען א סך וויסן ? מיט ציטערדיקע הענט האָב איך ארויפגע־לייגט נאָך א פּאָר פונט און געגאנגען זען ווי מיין פערד לויפט.

מיין פריינד האָט ווידער אָנגעטאָן די פארגרעסער־גלעזער און גענומען קוקן.

— נו, שלעפּ איך אים פארן ארבל, וואס הערט זיך ? ווי לויפט ער ? ווו איז ער ?

— גוט, שרייט ער צו מיר. ער לויפט ווי דער טייוול... גיכער ! גיכער ! צעשרייט ער זיך מיט אלע כוחות. און זעענדיק, אז ער שרייט, האָב איך אויך

גענומען שרייען. אפשר וועט דער פערד טאַקע דערהערן, א קשיה אויף א מעשה!

אָפּגעשריען, גיט מיין באקענטער צו מיר א זאָג: ווי געפעלט עס דיר, דער פערד איז דאָך באלד, באלד, אריין. די צרה, פארשטייסטו מיך, איז, וואָס צו אים זיינען געלאָפן נאָך פערד. ווען ער לויפט אליין, קומט ער אריין דער ערשטער..

— גזלן, זאג איך, וואס האָסטו געוואלט פון מיין לעבן? עס האָט דיר פארדראָסן וואס איך האָב געהאט א פּאָר פונט אין קעשענע?

מיין באקענטער אָבער שטייט, ווי ניט אים מיינט מען עס, קוקט אויף מיר און לאכט. וואָס שרייסטו אזוי, מאכט ער, עס איז דאָך א שאַנדע פאר די פערד... דו מיינסט אז זיי הערן ניט?... שא, אָט באלד לויפט א דריטער פערד, איז ער טאַקע אן אויסנאם, אויב דער דאָזיקער פערד פארלירט, עס איך אויף מיין היטל...

איך האָב אויסגעקראצט די לעצטע פּאָר שילינג און ארויפגעלייגט אויפן פערדס עק, און אליין בין איך געשטאַנען אָן א זייט און געוואַרט. עס האָט לאנג ניט געדויערט, ווי מיין פריינד גייט צו מיר צו און גיט אין דער שטיל א זאָג: יאָ, ניטאָ קיין מזל, ברודער, דער פערד האלט נאָך אין לויפן. ס׳איז רעכט, אז ער וועט קומען מאָרגן...

— גזלן! האָב איך ווידער אויסגעשריען. דו האָסט דאָך מיך געקוילעט אָן א מעסער. ליי מיר כאָטש א פּאָר שילינג צו פארן אהיים.

איך האָב געכאפּט א טעקסי און בין אנטלאָפן...

אַ שמועס מיט אַ משולח

משולח: — שלום־עליכם.

איך: — עליכם־שלום.

משולח: — וואס מאכט עפּעס א ייד?

איך: — וואָס זאל ער מאכן?

משולח: — עפּעס דאָ פּרנסה ביי יידן?

איך: — אנטקעגן וואס פרעגט איר עס?

משולח: — כ'ווייס, מען זעט א יידן, פרעגט'ן אים... נו, מילא, א ייד האָט דאָך מסתמא קיין צייט ניט, וועל איך אים לאנג ניט אויפהאלטן. איך... איך בין א משולח. איך קלייב אויף מינסקער ישיבה.

איך: — זינט ווען איז דאָס אין מינסק פאראַן א ישיבה?

משולח: — וואָס רעדט איר, איר זייט דען א מינסקער?

איך: — פון ארום מינסק.

משולח: — אזוי, אזוי, איר קומט פון ארום מינסק... זאגט איר, הייסט עס, אז אין מינסק איז גאָר קיין ישיבה ניטאָ... ווארט נאָר, עס איז דאָך אָבער דאָרטן אַמאָל יאָ געווען... (זוכט עפּעס אין פּאָרטפעל) אנטשולדיקט, איך מיין עס סמארגאָנער ישיבה.

איך: — מאכט איר ניט קיין טעות, רב משולח?

משולח: — וואָס, אין סמאַרגאָן אויך ניט? טאָ, רבונו של עולם, ווו דען איז די ישיבה.

איך: — הערט איר, דאָס וויל איך דאָך אויך וויסן.

משולח (זוכט ווידער אין פּאָרטפעל): — עפּעס איז מיר היינט דער קאָפּ צעדרייט. עס איז גאָר טעלזער ישיבה.

איך: — זייט איר זיכער, אז אין טעלז איז נאָך פאראַן א ישיבה?

משולח (צעמישט): — איך וועל אייך זאגן דעם אמת, אז איך ווייס שוין גאָר־
ניט ווו איך בין אין דער וועלט... אמאָל, דאכט זיך, איז דארטן יא גע־
ווען א ישיבה.

איך (וויל אים ארויסנעמען פון פארלעגנהייט): — קלייבט איר ניט אמאָל
אויף הכנסת כלה?

משולח (צופרידן): — זאָל זיין אויף הכנסת כלה. און, ווידער, וואָס איז אייך
די נפקא מינה, אויף וואס אַ ייד קלייבט. און אַז איר וועט שוין וויסן,
וועט אייך ווערן גרינגער אויפן הארצן. געהערט א מעשה, א ייד גייט ארום
פון אינדערפרי ביז ביינאכט קלייבן און מען פרעגט אים נאָך אויף וואָס.
אַ ייד דאַרף געבן און ניט פרעגן...

איך: — איך בין אָבער א ייד, וואס כ׳פרעג איידער איך גיב.

משולח (נעמט גיין): — אויב אזוי, טויגט איר פאר מיר ניט... א גוטן טאָג!

פלאָנטערס...

... און ער האָט זי זייער שטאַרק געליבט. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט וועט פאַר אים ניט זיין שווער. ער וועט פאַר איר — אויב נייטיק — אַריבערשווימען דעם ים, אויסרייסן אַ באַרג, אַראָפּברענגען די לבנה, אָפּשטעלן דעם ווינט ... יאָ, אַלץ וועט ער פאַר איר טאָן, אויב זי וועט נאָר איינשטימען מיט אים חתונה צו האָבן. און אויב ניט — האָט ער איר געוואָרנט — וועט ער פון פאַרצווייפלונג אַראָפּשפּרינגען פון אַ דאַך, אַריינשפּרינגען אין אַ טייך, אָדער טאָן עפּעס אַנדערש, ווייל אָן איר, קאָן ער ניט לעבן.

און זי? כאָטש זי האָט געליבט אַ צווייטן — האָט זי אָבער אים ניט גע־קאָנט אָפּזאָגן, ווייל זי האָט פאַרמעגט אַ צאַרטע נשמה און זייער אַ ווייך האַרץ. זי וועט דאָך ניט דערלאָזן אַ מענטשן אומקומען צוליב איר...

און זיי האָבן ביידע חתונה געהאַט.

אין עטלעכע יאָר אַרום, האָט ער אויסגעפונען, אַז פּונקט ווי פריער האָט ער ניט געקאָנט לעבן אָן איר, אַזוי קאָן ער איצטער ניט לעבן מיט איר. און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער איר אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז ער ליבט זי ניט מער, און אַז ער וואָלט געוואָלט מיט איר זיך שיידן. און אויב ניט — האָט ער איר געוואָרנט — וועט ער פון פאַרצווייפלונג אַראָפּשפּרינגען פון אַ דאַך, אַריינלויפן אין אַ טייך און אַזוי ווייטער...

ווען זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין, און אירע פּערלדיקע טרערן האָבן באַדעקט איר גאַנצן פּנים און דערגרייכט ביז איר צאַרטער נשמה. און ווען זי האָט זיך באַרויקט, האָט זי אים אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן, און איינגעשטימט מיט אים זיך צו שיידן. זי וועט דאָך ניט דערלאָזן אַ מענטשן אומקומען צוליב איר...

— און די קינדער?

וועגן דעם דאַרף ער זיך ניט זארגן, ווייל די קינדער זיינען סיי־ווי ניט זיינע.

.. ..

און די מעשה ענדיקט זיך, אז ער איז ניט געשפרונגען פון קיין דאך, און ניט געלאָפן צו קיין טייך — נאָר חתונה געהאט מיט א פרוי, וועלכע ער האָט נאָך געקענט פון פריער, און געהאט קינדער, אין וועלכע ער האָט ניט גע־צווייפלט, אז זיי זיינען זיינע...

II

מאָדנע...

דעם גאַנצן לעבן האָט ער זיך ארומגעדרייט ארום פרויען, ווי א שמעטער־לינג ארום בלומען: דאָ — א לעק, דאָ — א שמעק. ווען ער איז געוואָרן עלטער און זיך גענומען פילן עלנט און איינזאם, האָט ער גענומען טראַכטן וועגן גע־פינען א פאסיקע פרוי, מיט וועלכער ער זאל קאָנען זיך טיילן דאָס ביסל פרייד אין לעבן. און דאָ האָט ער זיך דערוווסט, אז די פרוי וועלכע ער האָט אמאָל געליבט און דאָך מיט איר ניט חתונה געהאט — אז זי האָט פלוצלינג פארלאָרן איר מאַן.

ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָבן זיך אין אים דערוועקט די אמאָליקע געפילן צו איר, און ער איז געקומען זי זען און טרייסטן... פארשעמט — האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט. א וויילע זיינען זיי געזעסן שטיל, ניט רײדנדיק קיין וואָרט, ווי זיי וואָלטן זיך פאר עפּעס־וואָס געשראָקן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, און אין די בליקן איז געלעגן באהאלטן א צופרידנקייט, וואס אזוי האָט פאסירט... אויף א מאָמענט, האָט דער געדאנק זיי ביידן געשראקן: ערשט געשטאָרבן, די וווּנד איז נאָך פריש און שוין... אָבער לאנגזאם איז די שרעק אריבער, ווי דאָס וואָלט געווען א זאך, אויף וועלכער זיי האָבן ביידע געוואַרט...

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, און פון צייט צו צייט — ארויס מיט א וואָרט, וואָס האָט די שטילקייט געבראָכן. ער איז צו איר צוגעגאנגען און זי ארומגענומען. צוערשט — שעמעוודיק, אָבער וואס ווייטער אלץ דרייסטער און, ארײנקוקנדיק איר אין די אויגן, האָט ער איר שטיל א פרעג געטאָן: ליבסט מיך נאָך?....

זי האָט א לייכטן ציטער געטאָן. רייד ניט אזוי! האָט זי זיך צו אים גע־ווענדט. דער טרויער איז נאָך ביי דער טיר . . . טרערן האבן זי געשטיקט און זי האָט מער ניט געקאנט ריידן. ווען זי האָט זיך בארויקט, האָט זי אים, שמייכלענדיק, א פרעג געטאָן: און דו מיך?

.. ..

דער סוף? ניין, דער סוף איז ניט אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט איז דער אָנהייב...

III

פרייע ליבע

... און זיי האָבן זיך ביידע פארליבט.

אז עס איז אוועק א לענגערע צייט, האָט זי צו אים איינמאָל א זאָג געטאָן, אז די מאמע — דאָס איז געווען ניט מער ווי אן אויסרייד — וויל וויסן, ווען זיי וועלן ביידע חתונה האָבן. ער האָט ליבלעך אריינגעקוקט אין אירע אויגן, און נאָך ליבלעכער געענטפערט: אז האָבנדיק א ראמאנטישע נאטור, האלט ער ניט פון חתונה האבן, ווייל חתונה נעמט אַוועק די ליבע, און ער וויל זי אייביק, אייביק ליבן...

אז עס איז אוועק נאָך א שטיק צייט, האָט זי אים ווידער דערמאָנט דאָס זעלביקע. איצטער אָבער, האָט ער דערקלערט, אז חתונה רויבט אוועק די פרייהייט, און אזוי ווי ער גלייבט שטאַרק אין פרייהייט, קאן ער ניט חתונה האָבן.

ווען אָבער די געליבטע האָט אים דערמאָנט א דריטן מאָל, אז זי איז שוין מיד פון הערן די אלע רייד, האָט ער איר פארטרויט א סוד, אז ער גלייבט נאָר אין פרייע ליבע...

און זי האָט אים פארלאָזן.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און ער האָט זיך פארליבט אין א צווייטער. און צו פארשפאָרן דער געליבטער ווייטער צו ריידן, האָט ער איר דערקלערט: אז ער איז אן אידעאליסט און א ראָמאנטיקער און אז ער גלייבט נאָר אין פרייע ליבע.

אויך די האָט אים פארלאָזן.

צולעצט, האָט ער זיך פארליבט אין א פרוי, וועלכע האָט ניט פארלאנגט מיט איר חתונה צו האבן. וואלט שוין, דאַכט זיך, געווען אַלץ גוט. האט, אבער, צום באדויערן, די פרוי געהאט א מאַן, און דער מאן איז ניט געווען קיין אידעאליסט און ניט קיין ראָמאנטיקער און אויך ניט געגלייבט אין קיין פרייע ליבע...

.. ..

ווען ער האָט זיך אויפגעכאפט אין שפּיטאָל און דערזען ווי די קראנקן־שוועסטער האַלט זיין האַנט, איז די ערשטע זאַך וואס ער האט איר געפרעגט, צי זי האָט ניט קיין מאַן...

ס׳איז א ליגן!

(אַ ל אַ ש ל ו ם ע ל י כ ם)

(צווײ ייִדן אין א באַן)

ערשטער: — שלום־עליכם, אוודאי א יאהאַנעסבורגער, ניין?

צווייטער: — יא, איר האָט געטראָפן. אָבער אנטקעגן וואס פרעגט איר עס?

ערשטער: — קענט איר דאָרטן איינעם א מיסטער קעצנכאַפּער?

צווייטער: — קעצנכאַפּער? א פראַגע אויב כ׳קען אים! א פיינער ערלעכער ייִד ביז גאָר. יענעמס א פּעני וועט ער אומזיסט ניט פאַרלאַנגען. כאָטש די לעצטע צייט רעדט מען אפילו אַז... נאָר ס׳איז א ליגן!

ערשטער: — וואס, למשל, רעדט מען?

צווייטער: — מען רעדט, אַז ער זאָל האָבן געמאַכט א שטיקל בורא מאורי האש און... נאָר ס׳איז א ליגן!

ערשטער: — אָט דאָס גאָר? און איך האָב טאַקע געמיינט, ווער ווייסט וואס.

צווייטער: — געהערט א מעשה, א ייִדן איז אלץ וויניק. און וואס האָט איר געוואָלט, ער זאָל נאָך הרגענען א מענטשן אויך?... מען רעדט אויך צו־ביסלעך אַז ער האָט... נאָר ס׳איז א ליגן!

ערשטער: — אינטערעסאַנט, בנאמנות. וואס זאָגט איר, האָט ער?

צווייטער: — מען שמועסט אַז זינט ער האָט זיך ארויפגעאַרבעט און איז געוואָרן רייך, האָט ער זיך פּלוצלינג ארומגעזען, אַז דאָס אייגענע ווייב איז עפּעס ניט דאָס, און ער זאָל האָבן זיך צוגעשאַרט צו א יונגער אלמנה... נאָר ס׳איז א ליגן!

ערשטער: — איז וואס איז אַזוי גרויס די עוולה? זאָגט מיר.

צווייטער: — אָט פּונקט וואס איך זאָג, טאַקע, וואס איז די עוולה? איר קענט אָבער ניט די יאהאַנעסבורגער ייִדן. זיי פאַרגינען ניט יענעם דאָס לעבן.

און אפילו, אז יאָ איז וואס? קארג אלמנות זיינען פאראן? עס קלעקט, ברוך השם, פאר אלעמען. ניט אזוי? אדרבה, וואס זאָגט איר?

ערשטער: — אוודאי, זייט איר גערעכט.

צווייטער: — מען רעדט אויך, אז זיין ווייב זאָל האָבן... נאָר ס'איז געוויס א ליגן!

ערשטער: — וואס זאל זי האָבן? זאָגט איר.

צווייטער: — איך בין א מענטש, הערט איר, וואס האָב פיינט צו ריידן לשון הרע. לשון הרע און רכילות — זיינען ביי מיר ערגער, ווי איך ווייס ניט וואָס... מען רעדט, אז זי זאָל האָבן געהאט... נאָר ס'איז א ליגן. אז יענע איז אן אשה צנועה. גייט קיינמאָל פון הויז ניט ארויס אליין, א חוץ, ווען זי קומט שפעט ביינאכט פון שפילן אין קאָרטן... נאָר אויך דאָס איז א ליגן!

ערשטער: — נו, און די קינדער זיינע, קענט איר אויך?

צווייטער: — צי איך קען זיי? פיינע, שטילע אָרנטלעכע קינדער ביז גאָר. כאָטש אויפן עלטערן זון זאָגט מען אפילו... נאָר ס'איז א ליגן!

ערשטער: — אדרבה, וואס זאָגט מען אויף אים?

צווייטער: — איך בין א מענטש וואס האָב פיינט צו ריידן לשון הרע. לשון הרע און רכילות — זיינען ביי מיר ערגער ווי איך ווייס ניט וואס... מען זאָגט, אז מען זאָל אים האָבן געכאַפּט מיט... מיט... נאָר ס'איז א ליגן. מענטשן, הערט איר, האָבן אלץ א טבע צו ריידן. וואָס, ווען? איז ווער, פרעג איך איך, געשטאָנען דערביי? גלאַט מען רעדט! בין איך גערעכט, צי ניין?

ערשטער: — אוודאי, זייט איר גערעכט. נו, און דער צווייטער זון?

צווייטער: — דער צווייטער זון איז זייער א געראָטענער: א מענטש מיט אלע מעלות. זינגט און שפרינגט און טאנצט און קלינגט. היינט האָט ער א מויל! דאָס קען צוזאמענבו'ענגען א וואַנט מיט וואַנט. אזוי קלוג איז ער. אויף אים רעדט מען, אז... נאָר ס'איז א ליגן!

ערשטער: — זאָל זיין א ליגן. אָבער לאָמיך שוין הערן.

צווייטער: — איך בין א מענטש קאָטאָרי, וואס האָב פיינט צו ריידן לשון הרע. לשון הרע און רכילות — זיינען ביי מיר ערגער, ווי איך ווייס ניט וואס. אזא נאטור האָב איך... מען שמועסט, אז ער זאָל האָבן צוגעזאָגט א מיידל אז ער וועט מיט איר חתונה האָבן, און דערווייל האָט ער פון איר אויסגענאַרט די פאַר פונט... נאָר ס'איז א ליגן!

ערשטער: — און וואס טוט ער איצט?

צווייטער: — וואס ער טוט? און איך ווייס, מיינט איר? נאר מען שמועסט אז ער זיצט ביי דער רעגירונג ווי אן אידעם אויף קעסט... נאר ס'איז א ליגן!

ערשטער: — און די טעכטער זיינע, קענט איר אויך?

צווייטער: — וועלכע מיינט איר, אט די וואס איז אנטלאפן פון מאן אויף מארגן נאך דער חתונה?... נאר גלייבט ניט, ס'איז א ליגן!

ערשטער: — און די צווייטע טאכטער?

צווייטער: — א שטילע, ארנטלעכע קינד, א פארגעניגן אויף איר צו קוקן. נאר אויף איר רעדט מען, אז זי זאל זיך האבן באנארישט... נאר עס איז א ליגן!

ערשטער: — און די מוזינקע?

צווייטער: — רב ייד, לאזט מיך אפ, איך בעט אייך, איך האב אייך שוין געזאגט, אז איך רייד נים קיין לשון הרע. און אויב איר ווילט גאר שטארק וויסן, כאפט זיך צו קיין יאהאנעסבורג און געפינט אליין אויס. געהערט א מעשה — אנגעכאפט א יידן אין באן און מאטערט אים. אז איך רייד ניט קיין לשון הרע, וואס ווילט איר פון מיר?...

איבער א קליניקייט

א שיינע וועלט געווארן! ווו האָט מען אמאָל געקאָנט זען, אז אן אייגן קינד זאל אייך ווערן א דם־שונא? און איבער וואס, איבער אזא קליניקייט. איך זאל אייך דארפן אויסדערציילן, וואס ביי מיר אין הויז טוט זיך זינט מיין זון איז געוואָרן א קאָמוניסט, וואָלט ניט געקלעקט ניט קיין טינט און ניט קיין פאפיר. אזוי, דאַכט זיך, איז ער א שטילער, א רויקער, טשעפעט ניט קיין פליג אויף דער וואנט. דארף אין אים פלוצלונג אריין א משוגעת — און ער ווערט א קאָמוניסט. אָבער אלץ הייסט א קאָמוניסט! ער מאכט, זאג איך אייך, אלעמען אין הויז משוגע. ווענן וואס ער זאל מיט אייך ניט ריידן, דערציילט ער גלייך, וואס לע־נין זאגט. דער קאָפּ איז מיר שוין אזוי אָנגעטומלט מיט לענינען, אז איך ווייס ניט אויף וואס פאר א וועלט איך בין.

ביי מיר ארבעט א באָי, טאקע שוין יארן. א שטילער, אן ארנטלעכער ביז גאָר, טוט זיין אַרבעט ווי עס באדארף צו זיין. קומט ער, איינמאָל, אריין אין הויז און גיט צו מיר, פּלוצלינג, א זאָג: — באָאס, איך וויל מער ווייד־דזשעס, אויב ניט, שטרייק איך.

איך האָב דאָס דערהערט, בין איך געווארן אויפגעקאָכט. — טשארלי! גיב איך אויף אים א געשריי, ביסט משוגע אָדער שיכור, וואס איז דאס פארא רייד אין מיטן דערינען?

לאָזט ער אראָפּ דעם קאָפּ און שווייגט. פארשטיי איך שוין וואס דאָ טוט זיך. ווער דען וועט מיר אָפּטאָן אזא שפּיצל, אויב ניט מיין אייגענער תכשיט? רוף איך אים טאַקע גלייך אריין און גיב צו אים, שטרענג, א זאָג: — זון מיי־נער, אזעלכע זאכן קאָנען ביי מיר אין הויז ניט אָנגיין. ווי שעמסטו זיך גארניט, זאָג איך, אָנצורייצן דעם באָי קעגן דיין אייגענעם טאַטן? דו מיינסט, אַז דאָס איז עפּעס א שפּילכל? ווייסטו מיט וואס דאס שמעקט? דו שלאָג זיך בעסער ארויס פון קאָפּ די נארישקייטן דיינע, דו הערסט?

— ווייסט ניט, מאכט ער, אז לענין זאגט...

— איך וויל ניט הערן, וואס דיין לענין זאגט, ענטפער איך. ביי מיר איז דיין לענין א קליינער יחסן.

— אָבער זעסטו ניט, זאָגט ער, אַז די וועלט גייט צום קאָמוניזם?

— געוואלד געשריען, זאָג איך, ווער דאַרף דיין קאָמוניזם? איך מאַך א גאַנץ פיינעם לעבן אָן קאָמוניזם. און צווייטנס, זאָג איך, ווער בעט ביי דיר אַז דו זאָלסט פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט. די וועלט זאָרגט עפּעס פאַר דיר א סך? זאָל זי זיך פאַרדרייען איר אייגענעם קאָפּ.

— הערסטו, אָט דאָס זאָגט דאָך טאַקע לענין...

— איך וועל, זאָג איך, פון דיין לענינען משוגע ווערן. א מענטש זאָל זיך אריינגעמען א משוגעת אין קאָפּ און וועלן פאַרדרייען א וועלט. ס'איז עפּעס א װוּנדער, אַז מען לאָזט דיין לענינען אין ערגעץ ניט אריין?

— וואָס רעדסטו, מאַכט ער, לענין איז דאָך שוין לאַנג טויט.

— ברוך דיין אמת, זאָג איך. טאָ וואָס דרייסטו מיר אומזיסט א קאָפּ. ניט איך פרעג דיר, און ניט דערצייל מיר.

אין א פיינעם פרימאָרגן — דער באַי איז ניטאָ ביי דער אַרבעט. טראַכט איך מיר, מען דאַרף אריינגיין זען, וואָס ער טוט: אַמאָל ניט געזונט, צי אַזוי עפּעס. איך גיי אריין צו אים אין רום, ערשט דער שרה מיינער ליגט אויסגע־צויגן אויפן בעטל און רירט זיך אפילו ניט פון אָרט.

— וואָס איז מיט דיר דער מער? גיב איך אים א פרעג. ביסט קראַנק?

— ניין, ענטפערט ער מיר. איך שטרייק!

— וואָס! גיב איך אויף אים א געשריי. שטרייקן גאָר! אָט שוין זאָלסטו מיר גיין צו דער אַרבעט. אויב ניט, רוף איך אריין א פּאָליסמאַן און לאָז דיך אַרעסטירן.

דערהערט, אַז איך וויל דעם באַי אַרעסטירן, איז דער תכשיט מיינער אַריינגעלאָפן א פאַרסאָפּעטער און האָט אויף מיר אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן, אַז איך האָב געמיינט, אַז ער שלינגט מיך איין א לעבעדיקן.

— וואָס, מאַכט ער, דו ווילסט דעם באַי אַרעסטירן? לאָמיר עס טאַקע זען.

איך האָב דאָס דערהערט, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. א קינד זאָל אַזוי ריידן צו א טאַטן? דאָס איז דאָך ניט געהערט געוואָרן. א ווײלע בין איך געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָכגעגעבן — האָב איך זיך גע־שעמט פאַרן באַי. וואָס פאַר א פנים קאָן איך שוין ביי אים האָבן. ניט נאָכ־געבן, דאַרף איך זיך כאָטש גיין שלאָגן מיט אַן אייגענעם קינד. איך בין אריין אין הויז און גענומען אַרומגיין ווי צעמישט. און ער — ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט, גייט צו מיר צו, עפנט א בוך און ווייזט מיר, וואָס לענין זאָגט...

איך בין, הערט איר, געוואָרן אזוי אויפגערעגט, אז איך האָב פון אים א כאַפּ געטאָן דאָס בוך און א שליידער געטאָן אויף דר'ערד — אָט האָסטו דיר! האָב איך צו אים מיט כעס א זאָג געטאָן.

ניט ריידנדיק מער קיין וואָרט, האָט ער אויפגעהויבן דאָס בוך, און ווארפנ־דיק א שארפן בליק — איז ער אוועק פון הויז...

נו, וואָס זאָגט איר צו דעם, האָט אזא זאַך געקאָנט אמאָל פּאסירן? און איבער וואָס, איבער אזא קלייניקייט!...

אוי, די מלחמה!

א מיאוסע וועלט, הערט איר! גלייך ווי עס איז אויסגעבראכן די מלחמה, איז געווארן א געלאף נאָך עסנוואַרג. טראכט איך מיר, אלע כאַפּן, וועל איך אויך כאַפּן. כאַטש וויפיל איך באַדאַרף צום עסן, קאָן מיר נאָך קלעקן און קלעקן. מען איז דאָך אָבער ניט מער ווי א לעבעדיקער מענטש, מאלע וואָס עס קאָן זיך מאכן.

קום איך אריין צו מיין גראָסערי־מאַן.

— גוד־מאָרנינג, זאג איך.

— גוד־מאָרנינג — בורטשעט ער ארויס אונטער דער נאָז.

— וואס, זאג איך, זייט איר היינט אזוי בייז, איך קום אייך עפּעס?

— ניין, מאכט ער, דאָס גראָד ניט. הלוואי וואלט איך געהאט א סך אזעלכע קאסטומערס ווי איר זייט.

— איז וואס דען, זאג איך, גייט איר ארום ווי מיט א פּיפּעטש?

— פרעגט ניט, ענטפערט ער, עס איז גרויסע טראָבל. סחורה שטייגט פון מינוט און מען קאן ניט קריגן וויפיל מען דארף, און דאָ רייסט׳ן פון די הענט.

מאך איך זיך, כלומרשט, ניט הערנדיק, און גיב א פרעג:

— וואָס קאָסט איצטער זאלץ?

— זאלץ, ענטפערט ער, איז נאָך דערוויילע אויפן אלטן פרייז.

טראכט איך מיר, א זעקל זאלץ קאן מיר טאקע קלעקן אויף א יאָר, אָבער טאָמער האלט די מלחמה אָן זעקס יאר?

— אלרייט, זאָג איך, גיט מיר זעקס זעקלעך.

— אויב זעקס, ענטפערט ער, קאָסט א פּעני אויפן זעקל טייערער.

— און סארדינס, פרעג איך, וואס קאָסטט?

— דערווייל, ווי געווען, מאכט ער.

— אָלרייט, זאג איך, גיט מיר צוועלף קעסטלעך.

— אויב צוועלף, ענטפערט ער, קאָסט א פעני אויפן קעסטל טייערער.

— וואָס, זאָג איך, איז מיט אייך היינט דער מער? ניט אויסגעשלאָפן, צי וואָס? אַט אזוי באַהאַנדלט מען דאָס א קאָסטומער?

שווייגט ער. איך אָבער לאָז אים ניט אָפּ און גיב אים ווידער א פרעג:

— און הערינג וואָס קאָסט?

— דערווייל, נאָך ווי געוועזן, ענטפערט ער, קוקנדיק אין א זייט.

— גוט, זאָג איך, גיט מיר א פּאָר טוץ.

קוקט ער מיך אָן און טוט א פרעג:

— וואָס דאַרפט איר, פּלוצלינג, אזויפיל הערינג מיט איין מאָל, איר מאַכט א ברית, צי א מזל־טוב.

ווער איך שוין אין כעס און גיב א זאָג:

— וואָס קימערט עס אייך אויף וואָס איך דאַרף? געזען א עזה פון א מענטשן! און אז איך וועל דאַרפן א גאַנצן טון הערינג, איז עס אייערע ביזנעס? וואָס מיינט איר, זאָג איך, מער ווי איר האָט ניט קיין הערינג?

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן די טיר און בין אַרויס.

פאַרליר איך ניט קיין צייט, און גיי גלייך אַריין אין אַ צווייטער שאָפּ. וואָס, עס פעלן אויס שאָפּן? עס זאָל אזוי ניט פעלן קיין געזונט, ווי עס פעלן ניט קיין שאָפּן.

— גוד־מאָרנינג, זאָג איך צום שאָפּ־קיפּער, און קוק וואָס פאַר א מינע ער מאַכט.

— גוד־מאָרנינג, ענטפערט ער קאַלט.

— וואָס, פרעג איך, קאָסט איצטער זאַלץ, און סאַרדינס, און הערינג?

— עס איז אַרויף, זאָגט ער, צען פּראָצענט.

— איר וועט מיך אַנטשולדיקן, זאָג איך, איך בין א פּראָסטע יידענע און פאַרשטיי זיך ניט אויף פּראָצענטן. זאָגט מיר, אויף פּראָסט יידיש, וואָס קאָסט איצטער א הערינג?

קלערט ער און קלערט. אויב א הערינג, זאָגט ער, האָט פריער געקאָסט א סיקספּענס, קאָסט איצטער ניין פענס.

— הערט זיך איין, זאָג איך, די מלחמה איז אינגאַנצן ערשט א פּאָר טעג, און איר ווילט שוין, אזוי גיך, רייך ווערן. ניין, ניט פון מיר, זאָג איך, איר זייט

ניט אײנער. איז ניט בײ איך, איז אנדערשװוּ. און כ׳רײד מער קײן װאָרט ניט און גײ ארױס.

ארײנגעקומען אין א דריטער שאָפּ. איך זע װי עס שטײען פרױען מיט צע־פלאמטע פּנימער און מיט צעטלעך אין די הענט און מען שטופּט זיך, און מען קװעטשט זיך און מען רײסט זיך. הײנט די קולות!

— װאָס טוט זיך דאָ? גיב איך, מיט שרעק, א פרעג, עס איז דאָ עמעצער געשטאָרבן, צי װאָס?

— נײן, ענטפערט מען מיר, דאָס שטופּט מען זיך צו קױפן עסנװארג.

— טפוי, זאָג איך, זאָלט איר װערן. מער װי די שאָפּ איז ניטאָ? און כ׳װארט ניט קײן מינוט און גײ ארױס.

זעענדיק, אז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט, לױף איך שױן צוריק צו מײן ערשטן שאָפּ־קיפּער און װיל באשטעלן װאָס איך דאַרף. א ברירה האָב איך? קוקט ער מיך אָן און גיט קאלט א זאָג:

— סאָרי, מעדעם, איר זײט געקומען צו שפּעט. די װײַבער האָבן אלץ צעכאַפּט. מאָרגן קריג איך ארײַן נײַע סחורה, עס װעט אָבער קאָסטן מיט צװאנציק פּראָצענט טײַערער.

װאָס זאָל איך אײַך אזױפיל ברײַען, די צרות װאָס איך האָב יענעם טאָג געהאַט, זײַנען ניט צו באשרײַבן: ארומגעלאָפן פון אײן שאָפּ אין דער צװײטער, דאָ געכאַפּט א הערינג, דאָרטן א פונט זאלץ, דאָ א קעסטל סארדינס, און דאָרטן עפּעס אנדערש. צײטן, הא?

נו, איך פרעג אײַך, דארפן מיר האָבן מלחמות?...

צווײ לוויות

(ניט קײן הומאָר)

געבאָרן װערן מעג מען אָן אָרעמאַן, שטאַרבן אָבער זאָל מען א נגיד. איך זאָג עס אַנטקעגן דעם געוואַלדיקן טאַראַראַם, וואָס מען האָט געמאַכט, ווען עס איז געשטאָרבן א היגער מיליאָנער. אָט האָט זיך עס א ביסל געטאָן! גלעקער האָבן געקלונגען, פאָנען זײַנען געהאָנגען מיט אָראַפּגעלאָזענע נעזער. צײַטונגען זײַנען געווען פול מיטן פאַרשטאָרבענעם: אויסגערעכנט זײַנע גרויסע מעלות און דערצײלט די חכמות און וויצן, וואָס ער האָט בײַ זײַן לעבן געזאָגט. טעג נאָכאַנאַנד זײַנען געגאַנגען אַרטיקלען און אַרטיקלען, באַשרײַבנדיק ווי אַזוי דער פאַרשטאָרבענער מיליאָנער האָט פאַרבראַכט זײַן לעבן, און ווי עס איז בײַ אים אַרויס די נשמה. וואָרום איר דאַרפט וויסן, אַז די נשמה בײַ א מיליאָנער איז אַנדערש ווי בײַ א קבצן. עס איז שוין אײנמאָל א נשמה!

הײַנט די לוויה! יעדער אָרעמאַן מעג זיך ווינטשן צו האָבן אַזאַ לוויה. מיט די קראַנצן האָט מען געקאָנט פאַרפלאַנצן א גאָרטן. אויטאָמאָבילן זײַנען געווען אין די טויזנטער; רעדעס — אין די הונדערטער. הײַנט די רעליגיעזע צערעמאָניעס! עפּעס א שפּילכל אויסצורײדן. בײַם קבר האָט מען גאַנצע שעה געזאָגט תפילות פאַר דער זינדיקער נשמה, כאָטש די נשמה פון מיליאָנער איז ריין פון זינד... אַז ער האָט ניט קײן צײַט צו זינדיקן, ווען ער זאָל אפילו וועלן...

און ניט נאָר בײַם קבר האָט מען געזאָגט תפילות, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָט מען אין די טעמפּלען געקלונגען און געבעטן בײַ גאָט, אַז די נשמה פון פאַרשטאָרבענעם זאָל גײן גלײַך אין גן־עדן אַרײַן. און באַערדיקט האָט מען אים אויף א שפּיץ־באַרג, כדי אַלע זאָלן קאָנען זען, אַז דאָרטן ליגט דער גרויסער מיליאָנער. און א מצבה וועט מען אים שטעלן — שוין אײנמאָל א מצבה! פון רײנעם מאַרמאָר וועט זי זײַן, און באַפּוצט וועט זי זײַן מיט לאָרבער־קראַנצן. און מלאכים מיט צעשפּרײטע פליגלען וועלן די מצבה האַלטן אַרומגענומען. און שבחים וועלן זײַן אויף איר אויסגעקריצט — א וועלט! וואָסי, ער האָט עס ניט פאַרדינט? ווײניק מיליאָנען האָט ער איבערגעלאָזן?...

. . . .

שטאַרבט אַ מינען־אַרבעטער. צוואַנציק יאר איז ער געלעגן אונטער דער ערד און געגראָבן גאלד — ניט פאר זיך, חלילה. צוואַנציק יאָר איז ער געווען אין געפאר געהרגעט צו ווערן. צוואנציק יאָר האָט ער אין זיך איינגעזאפּט דעם גאלדענעם שטויב, ביז ער האט געקראגן די טייסיס*). הוסט ער, דער גאלד־גרעבער, הוסט און הוסט, ביז ער הוסט ארויס די נשמה. און ערגעץ אין א צייטונג דערשיינט אַ קליינע נאטיץ: „ער איז געשטארבן. די לוויה איז מארגן“...

געלאָזן האָט ער ניט קיין מיליאָנען. נאָר א ווייב מיט קינדער, וואס וועלן שטאַרבן דריי מאָל א טאָג פון הונגער. נאָך זיין ארון וועלן זיך ניט ציען קיין אויטאָמאָבילן מיט הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן. אויפן בית־עולם וועט מען ניט הערן קיין רעדעס מיט לויב־געזאַנגען. א גייסטלעכער וועט, האסטיק, אפּזאָגן א קורצע תפילה, און אנשטאָט א מצבה וועט שטיין א שווארץ ברעטל מיט זיין נאָמען. .

א גאָלד־גרעבער איז געשטאָרבן — איינער פון די מיליאנען, טאָ וועמען גייט עס אָן?...

*) שווינדזוכט.

היפ, היפ, הורײ!...

(אַן אויסצוג פון א „ספיטש" געהאַלטן אויף א חתונה)

„בעסט מען, חתן־כלה, אונטערפירערס, מחותנים, געסט, פרײנד, לײדיס ענד דזשענטלמען.

עס גיט מיר א סך כבוד און פּלעזשור צו פּראָפּאָוזן דעם טאָאסט פון חתן־כלה. לאָמיך אײך זאָגן, לײדיס ענד דזשענטלמען, אז די כלה איז גליקלעך צו קריגן אזא פײַנעם און געראָטענעם יאַנג־מען, װי מיסטער סאָ ענד סאָ... און דאס זעלביקע האט דער חתן געהאַט דאס גליק און שכל אויסצוקלײַבן אַזאַ שײנע און געראָטענע יאַנג לײדי, װי מיס סאָ ענד סאָ... פאר א װײַב...

די חתן־כלה קומען ארויס פון זײער רעספּעקטאַבל עלטערן. דעם חתנס פאָטער, װי איר אלע װײסט, איז געװען אײנער פון די פּיאָנירן פון דעם לאנד, און ער װאָלט אוודאי געװען גליקלעך צו זײַן אויף דער חתונה. צום באַדויערן, אָבער, איז ער שוין באַלד דרײַ יאָר טויט...

די מוטער פון חתן, עליו השלום, איז געװען אַ ריעל לײדי, מיט אַ פײַנעם כאראקטער, און האָט זײער פיל מיטגעארבעט אין טשאַריטי אינסטי־טיושאָנס. זי איז אויך, א לענגערע צײַט, געװען די טשער־לײדי פון די סאָסײַטי פאר בלינדע, װעלכע האָבן אויף איר געקוקט מיט גרויס רעספּעקט...

די כלהס עלטערן, טהענקס גאָדנעס, לעבן און געפינען זיך דאָ מיט אונדז אין זאַל. און איך בין זיכער, אז איר װעט אלע מיט מיר אײנשטימען אויסצו־דריקן זײ א דאַנק פאַרן אויפציען אזא טשאַרמינג יאַנג לײדי װי די כלה איז... (אַפּלאָדיסמענטן).

דער חתן, מײַנע פרײנד, איז זײער אַן אינטעלעדזשענט יאַנג מען. נאָך אלס קינד האט ער אַרויסגעװיזן אַ װאונדער־טאַלענט צו שפּילן פוטבאָל. אַ חוץ דעם איז ער אויך א גוטער פײטער. און איך האָף, אז דאָס װעט אים צוניץ קומען אויך נאָך דער חתונה... (אַפּלאָדיסמענטן).

די כלה, מײַנע פרײנד, קען איך זײער גוט. עז־א־מעטער־אָװ־פעקט — זי

איז מיינע א גוטע באקענטע. און איך קאָן אייך פארזיכערן, ליידיס ענד דזשענטלמען, אז זי איז זייער א רעספעקטאבל יאנג ליידי... (אפלאָדיסמענטן).

און איצטער, ליידיס ענד דזשענטלמען, גיסט אָן אייערע גלעזער, און לאָמיר טרינקען פאר דאָס געזונט פון חתן־כלה, און זיי ווינטשן, אז אין דער נאָענטער צוקונפט זאָל זיך די פאמיליע פארגרעסערן, ווייל אויף יעדן פון אונדז ליגט א חוב מיטצוהעלפן, אז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך פארמערן אויף צו להכעיס אונדזערע שונאים... טהענק יו!... היפ, היפ, הוריי!... היפ, היפ, הוריי!...

מיין ערשטער רעפעראט

באקום איך, אנומלט, אזא מין איינלאדונג:

חשובער פריינד, אלס מיטגליד פון אונדזער קולטור־אר־
גאניזאציע, לאַדן מיר אייך איין צו האלטן א פארטראג.
אונדזער פלאַטפאָרמע איז א פרייע. איר מעגט ריידן וועגן
וואס איר ווילט אליין.

מיט אכטונג

ען. ב. סעקרעטאר.

דורכגעלייענט דעם בריוו, האָב איך, צוערשט, אליין ניט געגלויבט, אז דאָס מיינט מען מיך. ווי קום איך, טראכט איך מיר, צו האלטן א פארטראג, אז איך קאָן קיין צוויי ווערטער ניט אויסריידן, און עס זאָל זיך ביי מיר ניט פלאָנטערן די צונג. און חוצדעם דארף מען דאָך האָבן וועגן וואָס צו ריידן. מען קאָן דאָך ניט סתם קומען און האקן א טשייניק...

נארישקייטן! פּרוביר איך זיך אליין טרייסטן. אויב אזוי, האָבן שוין א סך רעפערענטן באדארפט ארומגיין מיט פארבונדענע קעפּ. און נאָך אידער איך האָב באשלאָסן יאָ צי ניין, האָב איך שוין געהאט אָנגעשריבן אן ענטפער, אז איך נעם אָן די איינלאדונג.

דער געדאנק, אז איך דארף האַלטן א רעפעראט, האָט מיך שטאַרק אימ־פּאָנירט. איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע, פארקנייטשט דעם שטערן און גענומען טראכטן וועגן וואס צו ריידן, אז וועגן אלץ האָט מען שוין גערעדט. און דאָ איז מיר איינגעפאלן א געניאלער געדאנק: צו וואס זיך מאטערן און זוכן נייע טעמעס, אז איך קאָן צוזאמענעמען די אלע לעקציעס וואָס איך האָב געהערט פאר דער גאנצער צייט, ארויסנעמען א ביסל פון דאנעט, אביסל פון דאָרטן — און איך האָב א פארטיקן רעפעראט. און טאָמער כאפּט מען מיך? נארישקייטן! וויפיל מענטשן געדענקען, בכלל, וואָס זיי הערן?

איך האָב זיך אויפגעהויבן און גענומען ארומגיין איבערן צימער, וועלנדיק זיך דערמאָנען וועגן וואָס די אלע רעפערענטן האָבן גערעדט... יאָ, ס'איז דאָ:

דער ערשטער פארטראַג איז געווען — ווי אזוי מענטשן האָבן געשלוקערצט אין מיטלאלטער. און אויסגעפּירט האָט דער רעדנער, אז הוסטן און גענעצן ביי א לעקציע — איז א מיטל צו דערמאָנען דעם לעקטאָר, אז ס'איז שוין צייט צו פארענדיקן..

א צווייטער לעקטאָר האָט גערעדט וועגן אסטראָנאָמיע און באַוויזן האָט ער, אז אויך אויפן הימל זיינען פאראן בהמות, א סימן איז, אז דאָרטן איז דאָ א מילך־וועג...

א דריטער רעדנער האָט גערעדט וועגן דעם, צי עס איז א יושר, אז דאָס ווייב זאָל אוועקגיין שפּילן אין קאָרטן און איבערלאָזן דעם מאן באָדן די בייבי...

נאָך א פּאָר וואָכן שווערער ארבעט, האָב איך צוזאמענגעשטעלט א רעפער־ראַט מיט אלע פּיטשעווקעס. איבערהויפּט האָט איך זיך געהיט, אז עס זאלן זיך נאָר ניט אריינכאַפּן קיין ענגלישע ווערטער. וואָרים איך וויס פון דערפאַרונג, אז ביי זיך אינדערהיים מעג מען ריידן אין אלע שפּראכן, אָבער קומט עס צו א לעקציע, מוז עס זיין נאָר — יידיש...

וואס נעענטער די צייט איז געקומען, אלץ מער נערוועז בין איך געווארן. ווו איך בין געגאנגען און געשטאַנען, האָב איך זיך אלץ געחזרט די לעקציע. און די צייט איז געקומען. איך האָב זיך צורעכט געמאכט, ווי נייטיק, און בין אוועק האַלטן מיין פארטראַג.

דער זאַל איז געווען פול מיט מענטשן. ווי א העלד בין איך ארויף אויף דער בינע, באַגריסט זיך מיט עטלעכע באַקענטע, געדריקט די האַנט דעם פאר־זיצער און אויסגעטרונקען א פּאָר גלעזער וואסער. דער פארזיצער האָט זיך אויפגעהויבן און מיך פארגעשטעלט פאר דעם יונגן טאַלענטפולן שיינענדיקן שטערן אויפן יידישן ליטערארישן הימל. נאָך דעם פּזמון, האָט ער מיר געגעבן דאָס ווארט. ציטערנדיק ווי א פיש אין וואסער, האָב איך זיך אויפגעהויבן און, שטאַמלענדיק, אָנגעהייבן:

— מיסטער טשערמאַן, ליידיס ענד דזשענטלמען!...

— יידיש! יידיש!... רעדט יידיש! האָבן זיך גענומען הערן פון אלע זייטן.

— אָוו קאורס, יידיש! האָב איך געענטפערט אביסל צעמישט. וואס דען רייד איך טערקיש? איר מוזט מיר געבן א טשאַנס, האָב איך זיך גענומען בעטן. עס איז דאס ערשטע מאָל וואס איך רייד פאר אזא אינטעליגענטן עולם... און צורעכטמאכנדיק מיין שניפּס, האָב איך ווידער אָנגעהייבן שטאַמלען: די... די... אסטראנאָמער זאָגן: אז א מאַן וואס בלייבט מיט דער בייבי, איז א בהמה... און דער וואס גענעצט אויף א לעקציע, דארף מען אים שיקן אין מושב-זקנים, און אז...

מער האָב איך שוין ניט געקאָנט ריידן. עס איז געווארן א געלעכ־טער און א טומל. מען האָט געשריען און געליארעמט פון אלע זייטן. פון די הינטערשטע בענק זיינען מענטשן געקומען צולויפן צו דער בינע מיט אויסגע־שטרעקטע פויסטן און מיט אָפענע מיילער. א יונגערמאן מיט א שטול אין האַנט, האָט, אנשטאָט מיך, געטראָפן דעם פארזיצער אין קאָפּ.

זעענדיק, אז איך וועל דאָ גלאַט ניט אָפּשניידן, האָב איך זיך, האסטיק, ארויסגעשאַרט... און אנטלאָפן...

שוין געווען אין יידישן טעאַטער?

(א מתנה — דעם יידישן שונד־טעאטער)

זייט איר שוין געווען אין יידישן טעאטער? ניין? און איך, זעט איר, בין יא געווען. האָב איך זיך דאָרטן אָנגעלאכט, פרעגט גארניט. זאל איך אייך, אפשר, וואָס איבערזינגען? אָדער, אפשר, ווילט איר הערן א פּאָר גוטע וויצן? וואָס? איר קאָנט שוין די אַלע לידלעך מיט די וויצן אויף אויסווייניק? איר האָט זיי שוין געהערט מיט פּערציק יאר צוריק? איז וואָס זיינען, נעבעך, די אקטיאָרן שולדיק? זיי דארפן דאך אויך מאכן א לעבן. און ווו נעמט מען עס גלאַט נייע לידלעך, מיט נייע וויצן, וואָס מיינט איר, זיי זיינען קונצן־מאכער, זיי ציען עס פון ארבל?

זאָגט וואס איר ווילט, הערט איר, אין יידישן טעאטער איז דאָך היימיש. אָט נעמט, למשל, דעם ארקעסטער — אלץ אזעלכע באקענטע היימישע ניגונים, אז עס צעגייט פשוט דאָס הארץ. היינט די פרייקייט אין יידישן טעאטער! איר פילט זיך ווי ביי זיך אינדערהיים: ווילט איר— זינגט איר מיט, ווילט איר— קלאפּט איר צו מיטן פוס, און ווילט איר — שמועסט איר זיך גאר דורך מיט א באקענטן, ערגעץ צען רייען הינטער אייך. איר שרייט צו אים. ער שרייט צו אייך, און עס איז לעבעדיק... און ווען עס קומט צווישן די אנטראקטן, עפנט איר א קליין טשעמאָדאנטשיקל און נעמט פון דארטן ארויס עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, צי גאָר א שאַכטל פּאָמעראנצן, איר עסט אליין, און זייט מכבד אייער פריינד. עס איז דאך א פארגעניגן!

איך פרעג אייך, קאָנט איר דאָס טאָן אין ענגלישן טעאטער? ניין. דאָרטן מוזט איר זיצן שטיל ווי א „קאָטינקע" און ניט עפענען דאָס מויל, און אז איר רעדט שוין יא, דארף עס זיין שטיל, קוים צו הערן. און אז איר עסט שוין יא וואס, דארף עס זיין אייז־קרים, צי שאָקאָלאד. עס איז אויך מיר אן עסן!

אָדער נעמט אן אנדער קלייניקייט. ווען איר גייט אין ענגלישן טעאטער, דאַרפט איר זיך פריער אפּראַזירן, אָפּוואַשן, אָנטאָן א ריינעם קראגן, א פראק מיט מאנזשעטן, ווי איר וואלט באדארפט גיין צו א טאנץ. גייט איר אָבער אין יידישן טעאטער, פּארשפּאָרט איר די אלע זאכן. איר קאָנט קומען אין א מאנטל,

מיט א שאַליק, מיט הענטשקעס. איר מעגט אפילו זיצן אין א היטל, אויב עס איז אייך קאַלט אין קאָפּ. און ווייסט איר נאָך וואָס מיר געפעלט אין יידישן טעאַטער? — די שפּראַך. אַיי, ריידן די אַקטיאָרן דאָרטן א ידיש, צעגייט עס אין אַלע גלידער. דאָס און דאָס און דיעזעס, און לעיבע, און דאַנקע — אָט דאָס הייסט ביי מיר א יידיש! . .

ווי אַזוי מען רופט דאָס שטיק? פרעגט איר. איך זאָל אַזוי ניט וויסן פון קיין צייַן־ווייטאָג, ווי איך אַליין וויס ניט. עס איז אָבער זייער א פיינע זאַך. איר קאָנט דאָרטן געפינען וואָס אייער האַרץ גלוסט. מען זינגט און מען שפּרינגט, און מען טאַנצט, און מען קוליעט זיך, און פון די וויצן מיט די גלייכ־ווערטלעך — מוז מען זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. איר ווילט אוודאי וויסן דעם אינהאַלט, וועל איך אייך טאַקע דערציילן.

אין קורצן איז די מעשה אַזאַ: א יידענע אַנטלויפט פון איר מאַן, און, לויפנ־דיק, פאַרליבט זי זיך אין א גראַף. דערוויסט זיך דער מאַן, וווּ דער גראַף געפינט זיך, וואַרט ער אים ערגעצוווּ אָפּ, און דערשיסט אים מיט א בעזים־שטעקן. טוט גאָט א נס, און דער גראַף ווערט צוריק לעבעדיק. האָט חתונה מיטן מאַנס ווייב און האָט מיט איר א צווילינג — א יינגל מיט א מיידל. דאָס יינגל ווערט געבאָרן זונטאָג, און דאָס מיידל מיטוואָך . . . וואָס לאַכט איר, מיסטער? איר מיינט, אַז איך בלאָף אייך אוודאי? נו, איך קאָן אייך ניט העלפן, אַזוי קומט דאָרטן פאָר . . .

דער סוף איז, אַז דער גראַף איז זיך מגייר. טוט אָן א שטריימל מיט אָן אַרבע־כּנפות און הייבט אָן צו זינגען „דאָס פּינטעלע ייד“, און צו־לעצט נעמען זיך אַלע אַרום — דער מאַן מיט דער ווייב, דער גראַף מיטן צווילינג און טאַנצן א רוסישע קאַזאַצקע, ביז עס לאָזט זיך אַראָפּ דער פּאַרהאַנג.

נו, ווי געפעלט עס אייך? פיין, האַ? אַ יאָ, עס איז ווערט צו גיין אין יידישן טעאַטער? . . .

דער פריידענקער

יאָרן אײַן יאָרן אויס האָט מײַן פרײַנד געפירט א קאמף מיטן רבונו של עולם. עס איז ניט געווען קיין איין שמועס, קיין איין לעקציע, קיין איין דיסקוסיע, וואָס ער זאָל ניט חוזק מאכן פון רעליגיע. און זײַענדיק אזא גרויסער פריידענקער, האָט ער שטענדיק אויסגעמידן חתונות, בריתן, בר מצווהס, און אלץ וואס עס האָט געטראָגן א רעליגיעזן כאראקטער.

גיי איך אמאָל אין גאס און עס קומט מיר אנטקעגן א מאַן אין א פראַק מיט א צילינדער. איך טו א קוק, עס איז מײַן פרײַנד.

האַלאָ! שריי איך צו אים אויס, און שטעק אים אַרײַן א ברייטן שלום־עליכם. דאס ביסטו טאַקע? זאג מיר נאָר, וואס איז מיט דיר די שמחה, וואס דו ביסט אזוי אויסגעפּוצט? זעסט אויס, ווי דו וואָלסט גיין צו א טאַנץ.

מײַן פרײַנד האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן און, שמייכלענדיק, א זאָג געטאָן: פּויער אײנער, ווייסט ניט, אז הײַנט איז ראש השנה? איך גיי דאס אין שול. אפשר וואלסטו אויך מיטגיין?

— אין שול? גיב איך א פרעג. דו לאכסט פון מיר, צי וואס? זינט ווען האָסטו עס געגומען גיין אין שול? ביסט געוואָרן פרום אויף דער עלטער?

— יאָ פרום, ניט פרום, ענטפערט ער, ווער קוקט עס אויף די זאכן. עס פּאסט גלאט ניט פאר מענטשן. מײַן שכן גייט, גיי איך אויך. ס'איז ביזנעס, יו נאָ, אין שול טרעפט מען דעם, יענעם, אמאָל כאפּט מען אן „אָרדער" ווי עס איז... און אגב האָב איך א ווײַב מיט קינדער, מיט דערוואקסענע טעכטער, וואס שטייען שוין אין שידוכים, דו פארשטייסט, צי ניין?

— און וואס, פרעג איך אים, איז געווארן פון דײַן קאמף מיטן רבונו של עולם? ביסט דאָך עפּעס אמאָל געווען אזא פײַערדיקער קעמפער, געהאַט אן אידעאל.

— ע, גיט ער א מאַך מיט דער האנט, ווען מען ליגן איצטער אין זײַנען אזעלכע נארישקייטן. אמאָל, פארשטייסטו מיך, איז געווען אן אנדער צייט. מען איז ארומגעגאנגען ליידיק, און עס איז ניט געווען וואס צו טאָן, האָט מען

געפירט אַ קאַמף קעגן גאט, קעגן דער וועלט. אבער היינט—ווער האט עס דערפאר צייט און געדולד? איך בין אזוי פארנומען אין ביזנעס, הערסטו, אז מען פאַרגעסט אינגאַנצן אן אים... און חוצדעם, וואס האב איך צו אים? איך האָב זיך פיין אָפּגעארבעט, און מיר פעלט קיין זאך ניט. טאָ וואס האָב איך מיט אים זיך צו פייטן? ער דארטן האָט זיינע טראָבל, און איך דאָ — מיינע טראָבל, און מיר זיינען קוויט... איי, וואָס, אידעאל? ווייס איך, שפעטער — אויף יענער וועלט, דער קאָפּ וועט זיין רויק, וועט'ן זען... וואָס זאָגסטו, ניט אזוי?...

איך האָב געוואלט נאָך עפּעס וואס זאגן, ער האָט מיר אָבער געגעבן די האנט און איז געשווינד אוועקגעגאנגען...

ווענן פסיכאָ-אַנאַליטיק

(אַן אויסצוג פון א לעקציע)

יעדער מענטש האָט צוויי באוווסטזיינס: אַן אויבערשטן און אַן אונטערשטן. דער אויבערשטער באוווסטזיין ליגט אויבן, און דער אונטערשטער — אונטן. ווען דער אויבערשטער באוווסטזיין שלאָפט, איז דער אונטערשטער וואך. דער־יבער דערמאָנט זיך א מענטש אַן זאכן, וואס האָבן מיט אים פּאסירט, נאָך איידער ער איז געבאָרן געוואָרן...

ניטאָ קיין איין דערשיינונג אין לעבן, וואָס מען זאָל ניט קאָנען דערקלערן מיט דער הילף פון פסיכאָ־אַנאַליטיק. אָט נעמט די פראגע פון פארגעסן. פאר־וואָס זאָל א מענטש פארגעסן? פרויוו דערקלערט, אז א מענטש פארגעסט, ווייל ער קאָן זיך ניט דערמאָנען.. און אזוי גיך ווי ער דערמאָנט זיך, הערט ער אויף צו פארגעסן...

חלומות, לויט דער פּסיכאָ־אנאַליטיק, ווערן איינגעטיילט אין גוטע און שלעכטע. ווען א מאַן, למשל, חלומט זיך, אז ער קושט דאָס אייגענע ווייב, איז עס א שלעכטער חלום...

עראָטיק קומט דערפון, וואס די מענטשהייט איז איינגעטיילט אין צוויי געשלעכטער... א פאקט איז: אז אדם הראשון האָט ניט געוווּסט פון עראָטיק — ביז ער האָט דערזען חוהן...

לויט דער לערע פון פסיכאָ־אנאַליטיק, איז א יינגל נאָכן דריטן טאָג ווי ער ווערט געבאָרן — שוין עראָטיש. א סימן איז, אז ער זוכט שוין צו זויגן פון דער מוטערס ברוסט. און דעריבער, אויב מען וויל אויפציען א יינגל אָן עראָטיק, דארף מען אים געבן זויגן פון א גלעזערנעם פלעשל...

צו א בארימטן פסיכאָ־אנאַליטיקער איז געקומען א יונגע דאַמע אין זייער

א לײדנשאַפטלעכן צושטאַנד, און פון דער באַנעמונג פון דער דאמע צו אים, האָט ער גלײך אויסגעפונען, אז זי לײדט אויף ערהאַטיק...

װען איר זעט א פארליבט פּאָרל, װי זײ רײדן צװישן זיך איז לויט דער לערע פון פסיכאָ־אַנאַליטיק, רײדן זײ ניט װעגן דער לבנה, נאָר װעגן עראָטיק...

און דעריבער, מײנע פרײנד, דאַרפן מיר אויסדריקן א דאנק דאָקטאר פרויד פאר זײן פסיכאָ־אנאליטיק. װײל אָן אים װאלטן מיר ניט געװוסט צי אונדזער ליבע איז מיט עראָטיק, אָדער אן עראָטיק...

ליריק און סימבאָליזם

(פּאַראַדיעס)

טיף אין הימל גיסט א רעגן... אויפן דאך שטייט א פליג און זינגט שירה... אין מיין הארצן זיצט א גרויע קאץ און זוכט איר באַשעפער... אויף א בוים הענגט אן עפל און ווארט אויף אַ תיקון... די פענצטערס פון מיין נשמה זיינען באַהאַנגען מיט גרינע שטערן... אויפן דאך פון קלויסטער זיצט א ציג און שפּילט אויף אַ גיטאַרע... אויף די שויבן פון מיין פענצטער טאנצט א גריל און זינגט, פארשעמט, א ליד... איך בענק און בענק, און וואָס מער איך בענק, אלץ מער בענק איך... אין מיין הארצן זיצט א שפין און טאַנצט א קאראהאַד... אין דרויסן בלאַנדזשעט א רעגן און זוכט די געליבטע... אויף די שאָטנס פון בלעטער הענגט מיין מוזע... מיין נשמה צאפּלט זיך אין די וואָלקנס פון די בלויע פארנאכטן... אויפן ברעג פון בין השמשות האב איך אויפגעהאַנגען מיין לירע... צווישן די טראפּנס פון רעגן האב איך געשפּאַצירט מיט מיין געליבטער... פאַרלאז מיך ניט, מיין אומעט, אַן דיר פיל איך מיך אומעטיק... אין מיין הארצן בלאָזט א ווינט... אויף א בוים זיצט א פויגל, און גלאָצט מיט די אויגן... עס איז פינצטער. אָבער די פינצטערניש איז אזא, וואָס איז ניט פינצטער... אויף די צווייגן פון די בוימער טאַנצט מיין ליידנשאַפט... מיין הארץ רייסט זיך, אָבער מיין נשמה שטייט אויף אַן אָרט...

.. ..

אויף אַ בילדער־אויסשטעלונג

(עס קומט אַריין אַ פרוי, קוקט זיך אַרום און דערזעט דעם אויפזעער.)

פרוי: — איז דאָ די בילדער־אויסשטעלונג?

אויפזעער: — יאָ, מאַדאַם, דאָ איז די בילדער־אויסשטעלונג.

פרוי: — איך וועל אייך דערציילן דעם גאַנצן אמת. מיר האָבן איצטער אַריינגעמופט אין אַ נייע הויז מיט נייע מעבל. זאָג איך צו מיין מאַן: דו ווייסט, עס וואָלטן זיך געפּאַסט עטלעכע בילדער אויף די ווענט. זאָגט ער צו מיר: אָלרייט! אָט האָב איך טאַקע געלייענט אין די פּייפּערס, אַז עס עפנט זיך אַ בילדער־אויסשטעלונג. גיי אַריבער און קלייב אויס די פּיקטשערס, וועלכע דו גלייכסט.

אויפזעער: — עס פרייט מיך דאָס צו הערן. קאָנט איר מיר זאָגן, אין וואָס פאַר אַ מין בילדער זייט איר פאַראינטערעסירט — אויל־פאַרב, וואַסער־פאַרב, קרעאָן, שוואַרץ אויף ווייס, צי עפּעס אַנדערש? מיר האָבן זייער אַ גרויסן אויסוואַל. (פירט זי צו צו אַ בילד), ווי געפעלט אייך דאָס בילד, מאַדאַם?

פרוי (קוקט): — עס איז אויך מיר אַ בילד! עס איז דאָך גרויס ווי אַ גאַנעץ. איידער מען גיט אַ קוק — איז שוין ניטאָ אויף וואָס צו קוקן.

אויפזעער: — און דאָס בילד דאָרטן ווי געפעלט אייך? דאָס קומט פון באַרימטן קינסטלער...

פרוי (גייט צו, טאַפּט מיט די פינגער): — אָט דאָס רופט איר קונץ? עס איז צום לאַכן, אויף מיין וואָרט. זעט נאָר וואָס דאָ טוט זיך. אָנגעשמירט אַ באַרג מיט פאַרב, אַז עס ווערט ניט גוט קוקנדיק, און ביי אייך איז דאָס קונץ. גלייבט מיר, מיין מיידל וואָלט געקאָנט מאָלן שענער ווי דאָס.

אויפזעער (בייסט די ליפּן): — און ווי, זאָגט מיר, געפעלט אייך יענע דאַמע? זעט נאָר איר שמייכל. דאָס איז די באַרימטע מאָנאַ־ליזע, געמאָלן פון...

פרוי (גיט זיך אַ קרים): — נו, יאָ, מער ווי דאָס פעלט מיר טאַקע ניט אויס. איך דאַרף נאָך אויפהענגען אַ בילד פון אַ פרוי וואָס שמייכלט, מיין מאַן זאָל האָבן אויף וואָס צו קוקן.

אויפזעער (ווייזט איר אן אנדער בילד): — און ווי געפעלט אייך דאָס בילד? עס שטעלט פאָר „די דערוואכונג פון דער פרוי“, געמאָלן פון...

פרוי: — וואס איז מיט איר דער מער, זי האָט דען ביז איצטער געשלאָפן?

אויפזעער (פארלירט דאָס געדולד): — און יענע בילד זעט איר? דאָס שטעלט פאָר: א זון־אויפגאנג אין יאפאן.

פרוי (קוקט אויפמערקזאם): — וואָס זאָגט איר איז עס? א זון־אויפגאַנג? און ביי מיר קוקט עס אויס ווי א וואָגן היי... (פארקוקט זיך אויף אן אנדער בילד).

אויפזעער: — וואָלט איר, אפשר, וועלן דאָס בילד, אויף וועלכן איר קוקט? עס פארמעגט וונדער־שיינע פארבן.

פרוי: — דאָס, זעט איר, אינטערעסירט מיך גראָד ניט. איך קלער נאָר, צי די פארב פון בילד וואָלט זיך געפּאסט צו מיינע נייע קארפּעטס.

אויפזעער (שפּאָטיש): — וואָלט איר, אפשר, מאדאם, געבראכט אייערע קארפּעטס אהער?

פרוי (אויפגערעגט): — מיסטער, זייט נאָר ביי זיך ניט אזוי גרויס. איר זייט דאָ ניט איינער אין שטאָט. אויב איר ווילט אייערע פּיקטשעס ניט פארקויפן, מעגט איר זיך האַלטן מיט זיי. מען קאָן אנדערשוווּ אויך קריגן די מציאה. אין באַזאַר האָב איך געזען שענערע און גרעסערע פּיקטשעס ווי אייערע, און איך ווער פון זיי אויך ניט שטאַרק נתפּעל. פאר מיין געלט, מיסטער, קאָן איך קריגן וואָס איך וויל, און ניט דאָס וואָס איר ווילט מיך איינריידן...

אויפזעער (זוכט זי צו באַרויקן): — אנטשולדיקט, מאדאם, רעגט זיך אזוי ניט אויף. איך האָב קיין זאך ניט געמיינט... (ווייזט איר אויף א סקולפּטור־ארבעט) וואָלט איר אפשר געוואָלט קויפן יענע בראָנזענע סטאטוע? עס איז א קונסט־ארבעט. עס קומט דירעקט פון פאריז. עס קאָסט אינגאנצן הונדערט גינעס.

פרוי (שאָקלט מיטן קאָפּ): — נו, יאָ, מען דאַרף טאָקע נאָך דעם פאָרן אזש קיין פאריז, און דאָ קאָן מען דאָס אוודאי ניט קריגן... ביי מיר אינדערהיים, אויף די פּאַליצעס האָב איך שענערע זאַכן ווי דאָס... (קלאַפּט מיט די פינגער) זע נאָר, עס איז דאָך פּוסט! א פּוסטע שטיק מעש, און דערפאר בעט איר הונדערט גינעס! עס איז טאָקע צום לאכן. איר מיינט מסתמא, אז איך בין א גרינע, ערשט געקומען פון סויטעמפּן... נייך, מיסטער, האַלט זיך מיט אייערע פּיקטשעס, מיך וועט איר ניט נאַרן...

(פארלאָזט. אויפזעער צעלאכט זיך)

נעשטאָרבן ווי אַ פּרינץ

א מאָל איז געווען אַ מלך. האָט דער מלך געהאַט אַ בן־מלך. איז דער בן־מלך, פּלוצלינג, קראַנק געוואָרן. האָט דער מלך ארויסגעשיקט שליחים איבער דער גאַנצער מדינה צו ברענגען אַלע דאָקטוירים, מכשפים און אָפּשפּרעכער, זיי זאָלן אויסגעפינען, וואָס עס איז מיטן בן־מלך.

זיינען זיי אַלע זיך צוזאַמענגעקומען און געקלערט דריי טעג מיט דריי נעכט און זיי זיינען צו קיין זאַך ניט געקומען. וואָס פאַר א גראָזן און קרייטיכער זיי האָבן ניט צורעכט געמאַכט, האָט אַלץ ניט געהאָלפן. און דער מלך איז געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַסער.

האָט דער מלך ארויסגעגעבן א באַפעל, אַז אין דריי טעג צייט מוזן זיי געפינען א רפואה פאַרן בן־מלך. אויב ניט, וועט זיין שלעכט.

האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם איינער אַן אַלטינקער און ער האָט זיך אָפּגערופן, אַז ער ווייסט פון דעם ריכטיקן מיטל פאַרן בן־מלך. ווי פייל פון בויגן האָט מען אים געבראַכט צום מלך.

אדוני מלך—האָט דער אַלטינקער אָנגעהייבן ריידן, שטאַרק דערשראָקן — דעם בן־מלך פעלט אַפּעטיט. ווען ער וואָלט האָבן אַפּעטיט, וואָלט ער געגעסן, — און פון עסן קומט צו בלוט. און כדי צו קריגן אַפּעטיט, איז פאַראַן איין מיטל — אַרבעטן.

הענגט אים! — האָט זיך ארויסגעריסן פון צענדליקער העלדזער — ער האָט באַליידיקט זיין מאַיעסטעט דעם מלך. א בן־מלך אַרבעט ניט און טאָר ניט אַרבעטן. אַרבעט איז נאָר באַשאַפן פאַר פּראָסטע מענטשן, און ניט פאַר א בן־מלך.

א שוידער איז דורכגעלאָפן דורך אַלעמענס לייבער. און נאָך איידער די זון איז פאַרגאַנגען, איז שוין דער גרייז־גראָער מאַן געהאַנגען אויף א בוים.

און זיי זיינען ווייטער געזעסן דריי טעג מיט דריי נעכט און געזוכט א רפואה פאַרן בן־מלך. אויפן דריטן טאָג האָט זיך דער איינער, וואָס האָט דער ערשטער אויסגעשריען, אַז מען זאָל דעם אַלטן הענגען, זיך אוועקגעשטעלט און אויסגערופן:

— הערט מיך אויס, אפשר איז טאקע דער אלטער גערעכט געווען, אז ארבעטן איז די איינציקע רפואה פארן בן־מלך?

אים האָט מען שוין ניט געהאנגען, נאָר פארמשפּט אויפן גאנצן לעבן אין תפיסה, אין א פינצטערער צעל.

און זיי זיינען ווייטער געזעסן דריי טעג מיט דריי נעכט און האָבן גע־זוכט א רפואה פארן בן־מלך, ביז עס איז געבליבן אָנצווענדן טאַקע דעם אייגענעם מיטל: דער בן־מלך זאָל נעמען ארבעטן. אָבער וואָס פאר אן ארבעט קלייבט מען אים אויס, דער מלך זאל זיך ניט באליידיקן? און דא האָט זיך ווײַ־טער איינער ארויסגעשטעלט און אויסגעשריען, אז דער בן־מלך זאָל ווערן א שמיד: קלאפנדיק מיטן שווערן האַמער עטלעכע שעה א טאָג, וועט דער בן־מלך קריגן אפּעטיט און געזונט ווערן.

און דער בן־מלך האָט אויסגעטאָן זיינע קעניגלעכע קליידער און אָנגעטאָן א גאלדענעם פארטעך מיט א פּאָר גאלדענע הענטשקעס. אויך א האמער האָט מען פאר אים אויסגעשמידט פון גאלד. און ווען דער בן־מלך האָט געגעבן דעם ערשטן קלאַפּ, איז אן ערד־ציטערניש אדורך איבער דער גאנצער מדינה, און גלייך איז געווארן א שטורם. טויזנט־יעריקע בוימער האָט עס מיט די ווארצ־לען אויסגעריסן, טייכן און ימים זיינען פון די ברעגן ארויס און האָבן פאר־פלייצט און חרוב געמאכט גאנצע שטעט. לייבן, טיגערן און לעמפּערטן האָבן זיך שרעקלעך פונאנדערגעברומט: סטייטש, דער בן־מלך א שמיד?! און א קול פון איין ברעג מדינה צום צווייטן האָט זיך געטראגן אין דער לופטן: בעסער זאָל דער בן־מלך שטאַרבן, איידער אים דערנידעריקן...

און דער בן־מלך האָט אויסגעטאָן דעם גאָלדענעם פארטעך מיט די גאל־דענע הענטשקעס און אוועקגעלייגט דעם גאָלדענעם האמער. א דערלייכטע־רונג האָט דורכגענומען אלע הערצער.

און אזוי לאנגזאם, לאנגזאם איז דער בן־מלך געווארן בלאסער און בלא־סער ביז ער איז אויסגעגאנגען פון בלוט־אָרעמקייט. ער איז אָבער געשטאָרבן ווי א בן־מלך און ניט ווי א שמיד..

אַ שיינע אָרדענונג !...

— איר מיינט טאַקע, אַז עס איז אַזוי גוט צו זיין היינט אַ גביר? אַסור מיר, הערט איר! אַזוי זאָגט צו מיר אַ ייִד, וואָס פאַרמעגט, נעבעך, זיינע פֿאַר הונ־דערט טויזנט פונט.

— וואָס איז אייך אַזוי שלעכט? פרעג איך אים. הלוואי אייער שאָדן אויף מיר געזאָגט.

— עס טויג ניט, מאַכט ער, אַז מען דאַרף ליגן און ציטערן, טאָמער קומען די באָלשעוויקעס און נעמען ביי דיר אַלץ צו. אַרבעט און אַרבעט, בוי, ספּעקוליר, ריזיקיר, און אַז דו האָסט זיך שוין יאָ אַרויפגעאַרבעט, קומען זיי און ווערן די באַלעבאַטים. איך האָב געקרענקט און געהאַרעוועט, און זיי זאָגן אויף דעם אַ דעה. און דאָס ערגסטע איז, אַז זיי רופן עס נאָך יושר. אַ פיינער יושר, ניין? און אַז איך האָב מער פון יענעם, איז וואָס, דאַרף מען פון מיר צונעמען? זאָלן די באָלשעוויקעס אַרבעטן, וועלן זיי אויך האָבן... ניין, גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ. מיר דאַכט זיך, אַז כ'בין אויס באָלשעוויק.

— וואָס, גיב איך אים, פאַרוווּנדערט, אַ פרעג. איז זייט דען ווען געווען אַ באָלשעוויק?

— קיין ריכטיקער באָלשעוויק, זאָגט ער, בין איך, קיינמאָל, ניט געווען. עס איז אָבער געווען אַ צייט, וואָס איך האָב מיט זיי געהאַלטן: געגאַנגען אויף זייערע מיטינגען, געהערט זייערע דרשות, און אַמאָל זיי נאָך אונטערגעהאָלפן מיט עטלעכע שילינג אויך, ווייל איך האָב שטענדיק געמיינט, אַז דער גאַנצער שפּיל איז ניט מער ווי אַ געלעכטער. ווילסט באָלשעוויזם? זאָל זיין באָלשעוויזם. ווילסט קאָמוניזם? זאָל זיין קאָמוניזם. מיין באָבעס דאגה, וואָס וועט זיין אין הונדערט יאָר אַרום. אַזוי האָב איך אַלץ געטראַכט. איצטער אָבער זע איך, אַז עס איז שוין גאָרניט קיין געלעכטער. זיי זיינען שוין נעענטער ווי ווייטער. זיי האָבן אַזוי לאַנג גערעדט, ביז זיי האָבן זיך טאַקע דערדערעדט. און הלוואי, הערט איר, זאָל איך ליגן זאָגן, אויב מען וועט זיי ניט אָפּהאַלטן, וועלן זיי שוין באַלד דאָ אויך זיין. ווי דענקט איר?

— איר דאַרפט זיך ניט שרעקן, פּרוביר איך אים טרייסטן. איר קאָנט נאָך

רויק עסן און שלאָפן און גיין אין בייעסקאָפּ, און לעבן א גוטן טאָג. אַהער וועלן זיי נאָך אזוי גיך ניט קומען.

— אייך איז לייכט זיך אפצורײדן, מאכט ער, וואס זאָל איך אָבער טאָן, אז זיי שטייען מיר שטענדיק פאר די אויגן: נעם איך עסן — עס איך „באָלשעוויקעס"; גיי איך שלאָפן — חלומען מיר זיך „באָלשעוויקעס"; גיי איך אין בייעסקאָפּ — זע איך נאָר „באָלשעוויקעס". און אזוי ווי איר זעט, ווו איך גיי און ווו איך שטיי, איז נאָר באָלשעוויקעס און באָלשעוויקעס.

— ווי איך זע, זאָג איך, ליידט איר פון די נערוון. איר וואָלט באדארפט גיין זען א דאָקטער.

— נעווער מיינד, די נערוון, מאכט ער, איך לייד פון „באָלשעוויקעס" און ניט פון די נערוון.

— אָבער וואס, פרעג איך אים, שרעקט איר זיך מער פון אלעמען? ווי עס וועט זיין מיט זיי, וועט זיין מיט אייך.

— נו, יאָ, מאכט ער, אייך איז גוט צו ריידן. וואס וועלן זיי ביי אייך נעמען, דעם דלות? אָבער ביי מיר? זיי קאָנען מיך דאָך אויסטאָן נאַקעט און לאָזן, ווי די מאַמע האָט מיך געהאט. דאן וועל איך מוזן נעמען א טאָרבע און גיין איבער די הייזער.

— אָבער גלייבט איר דען טאַקע, פרעג איך אים, אז די איצטיקע אָרדענונג איז אזוי, ווי עס באדארף צו זיין?

— אדרבה, מאכט ער, זאָגט מיר וואָס פעלט ביי דער אָרדענונג? עס איז דאָך א מחיה: וויל איך — ארבעט איך, וויל איך ניט — לעב איך פון רענט. אָבער ביי זיי, די באָלשעוויקעס, דאָרטן איז דאָך א שרעק. ארבעטסטו, האָסטו וואס צו עסן, און אויב ניט, איז כאָטש שטעק ארויס די צונג און קראַפּיר!...

נו, איך פרעג אייך, ווי געפעלט אייך אזא מין ארדענונג?

מוטער און קינד

קינד: — מאַ!

מוטער: — יאַ, מיין קינד.

קינד: — פאַרוואָס זיינען אַלע נייטיווס שוואַרץ?

מוטער: — ווייל ביי זיי אין די היימען, גייען זיי אַרום נאַקעט, ווערן זיי אָפּגעברענט פון דער זון.

קינד: — און אַז איך וועל אַרומגיין נאַקעט, וועל איך אויך ווערן שוואַרץ?

מוטער: — ניין, טייערע.

קינד: — ניין? . . . אָבער פאַרוואָס ניין?

מוטער: — ווייל גאָט וויל ניט, אַז ווייסע זאָלן זיין שוואַרץ.

קינד: — אָבער גאָט איז דאָך אַ גוטער, קאָן ער דאָך מאַכן די שוואַרצע ווייס.

מוטער (בייזערט זיך): — שווייג! וועגן גאָט טאָר מען אַזוי ניט ריידן.

קינד: — מאַ!

מוטער: — וואָס שוין ווידער?

קינד: — פאַרוואָס גייען אַרום די קאַפער־פּיקענינס באָרוועס?

מוטער: — ווייל זייערע טאַטעס האָבן קיין געלט ניט צו קויפן זיי שיך.

קינד: — קאָנען זיי דאָך קויפן אָן געלט.

מוטער: — ניין, קינד, אָן געלט קאָן מען קיין זאַך ניט קויפן.

קינד (לאָזט ניט אָפּ): — פאַרוואָס עסט ניט דזשאָן, אונדזער קיטשן־באָי, מיט אונדז ביי איין טיש?

מוטער (נערוועז): — ווייל דזשאָן איז אַ שוואַרצער, און שוואַרצע טאָרן זיך ניט מישן מיט קיין ווייסע.

קינד: — אָבער פאַרוואָס לאָזטו דזשאָנען שטיין אין קיטשן?

מוטער: — אפשר וואָלסטו שוין אויפהערן מיר צו דרייען א קאָפּ מיט אזעלכע נארישקייטן ?

קינד: — אָלרייט, מא... (פויזע) מא!

קינד: — פארוואס רופסטו אלץ דזשאָנען — „בלעדי קאפער"?

מוטער (שפרינגט אויף): — ס'איז ניט דיין זאך! א קינד טאָר ניט נאָכזאגן וואָס מא און דעדי ריידן.

קינד (לאָזט אראָפּ דאס קעפל): — סאָרי, מא... (פויזע) מא!

מוטער: — וואָס טוט מען דאָ היינט מיט איר, זי לאָזט דאך ניט אָפּ. (צום קינד) דיינע לעסאנס האָסטו שוין געמאכט?

קינד (ענטפערט ניט. פויזע): — מא!

מוטער (אויפגערעגט): — דו וועסט היינט שווייגן צי ניט?

קינד: — קאָן איך גיין זיך שפּילן מיט די פּיקענינס?

מוטער (צעשרייט זיך): — דאָס מויל פארמאך, דו קליינער וואָרעם! (צו זיך) וואָס קינדער זיינען, משוגע קאָן מען ווערן פון זיי.

קינד (פארדראָסיק): — סאָרי, מא...

אין פּאַס־אָפּיס

פון וואַנעט איך גיי? פרעגט איר, פון פּאַס־אָפּיס, גיי איך. געשיקט דעם באַי נעמען אַ פּאַס, איז ער ווי אין דר׳ערד אריין: ניט קיין באַי און ניט קיין פּאַס. טראַכט איך מיר, אין וועל גיין זען, וואָס דאָרטן איז דער מער מיט אים. אפשר האָט מען אים גאָר ארעסטירט. איר ווייסט דאָך, קיין צו גרויסע מחזקות מאַכט מען מיט זיי ניט: אט איז אַזאַ מין זאַך, און אט איז אַן אנדער זאַך. מען געפינט שוין פאַרוואָס זיי צו ארעסטירן.

איך קום אין פּאַס־אָפּיס: אַ יריד אַ גאַנצער! שווארצע אין די הונדערטער. דער לויפט אהין, און דער—אהער: איינער—מיט אַ פּאַס אין האַנט, אַ צווייטער—מיט אַ קייט אויף דער האַנט. אנדערע ליגן אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע און דרעמלען, אַנדערע, ווידער, זיצן מיט ברויטלעך אין די הענט און עסן, און אַנ־דערע דרייען זיך סתם ארום. ווייסע מענער און פרויען לויפן פון איין אָפּיס צום צווייטן: ווער עס קומט רעגיסטרירן אַ באַי, און ווער — באַקלאָגן זיך אויף אַ באַי. היינט די געבידעו! צענדליקער און צענדליקער אָפּיסעס. מען שרייבט מען מעקט און מען לעקט—און אַלץ פון שוואַרצנס וועגן. כאַטש ווען מען פרעגט מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָס אַלץ אויף צען גוטע כּפּרות. היינט זיי מיר אַ חכם און געפין דאָרטן ווען עס איז אויס, אַז עס איז אַ גיהינום!

גיי איך ארום און זוך דעם באַי. ערשט, מיטאמאָל, דערזע איך ווי מיין שעפּס שטייט ערגעץ אין אַ ווינקל, מיט אַן ארבל פון האַנט פאַ־קאשערט, און קוקט.

— וואָס איז דאָס? גיב איך אויף אים אַ געשריי. ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

— סיק, באַאס, מאַכט ער צו מיר, ווייזנדיק אויף דער האַנט. איך גיב אַ קוק, מען האָט אים געשטעלט פּאָקן.

— וואָס עפּעס אין מיטן דרינען פּאָקן? גיב איך אַ פרעג דעם מאַן אין אָפּיס. עס איז אַן עפּידעמיע, צי וואָס?

— נייך, ענטפערט ער מיר. עס איז א געזעץ, אז אלע קאפערס, וואס קומען פון קראל, מוז מען שטעלן פּאַקן.

— איז דעריבער, זאג איך, דארף מען דאָס אפּהאַלטן א באַי א גאנצן טאָג? מען שטעלט אים פּאַקן, און מען לאָזט אים גיין.

— וואס מיינט איר, מאכט ער צו מיר, האלב אין כעס, מער ווי דער באַי איז דא ניטאָ?

רייד איך מער קיין וואָרט ניט, נעם דעם באַי און גיי ארויסנעמען א פּאַס, ערשט א נעכטיקער טאָג. מען גיט אים ניט קיין פּאַס. וואס איז? ער איז שול־דיק דער רעגירונג פאר עטלעכע יאר שטייערן און אויב ער צאָלט ניט אָפּ, מוז מען אים ארעסטירן.

דא בין איך געבליבן שטיין, און שוין גאָרניט געוווּסט וואס צו טאָן. צאָלן אים פּאַרויס האָב איך מורא, ווייל וואָס טו איך, אז ער הייבט זיך, פּלוצלינג, אויף און גייט אוועק? שיטן אים זאָלץ אויפן עק! לאָזן אים ווידער גיין זיצן, לאָזט מיך עפּעס דאָס הארץ ניט. א רחמנות אויף אים. ער איז דאָך אויך א לעבעדיקע באשעפעניש. און א חוץ דעם, זעט ער אויס צו זיין א שטילער שייגעץ. פאל איך אויף א פּלאַן און בעט זיך ביי זיי אָפּ, אז מען זאָל אים לאָזן אפּצאָלן יעדן חודש צו־ביסלעך. וואָלט שוין געווען גאָר גוט. איז קוקנדיק אזוי לאנג אין די ביכער, האָבן זיי דערטאַפּט, אז זיין טשיף מאַנט אויך פון אים א שטייער.

הייב איך אָן מיט זיי צו טענהן: אז פאַרדינען פאַרדינט דער באַי א גוטע קרענק, און דערפון דאַרף ער צאָלן פאר א רום, אויסהאלטן א ווייב מיט קינ־דער, אמאָל נאָך אויסהאלטן אן אַלטן טאַטן, און דערצו—שטייערן און שטייערן און שטייערן. פון וואנעט, זאג איך, זאל ער עס נעמען?

קוקט ער מיך אָן און גיט מיר א זאָג: וואָס, קיין אנדערע ביזנעס ווי צו זאָרגן פאר די קאפערס, האָט איר ניט? וואָס האָט עס צו טאָן מיט אייך? עס איז דאָ א רעגירונג וואס זארגט פאר זיי.

און אזוי ריידנדיק, רופט ער אריין א פּאָליסמאַן און הייסט דעם באַי ארעסטירן.

איר וועט אוודאי פון מיר לאכן. עס האָט מיך אזוי פארנומען ביים הארצן, אז איך האָב שוין מער ניט געקאָנט צוזען. איך האָב ארויסגעכאַפּט א פּאָר פונט פון קעשענע און באצאָלט זיינע שטייערן, ארויסגענומען א פּאָס און געהייסן דעם באַי, האסטיק, גיין אהיים, ווייל ווער ווייסט וואס עס קאָן זיך ווייטער פאסירן . . .

סאַלי (סאַרי), מיסיס

שוואַרצער (ביי דער טיר מיטן היטל אין האַנט): — **פוני שאַבענדזשעו1)!**

מיסעס ברוין (קוקט אים אָן): — **יו גוד באַי?**

שוואַרצער: — **וועלי (וועריִ) גוד באַי.**

מיסעס ברוין (צו זיך): — **פאַר זיך האָבן זיי אַלע שכל. קומט עס צו דער אַרבעט, זיינען זיי פויל ווי די שטעקנס. ווילן נאָר עסן, שלאָפן און גיין שפּאַצירן.** (צום שוואַרצן) — **יו קוק?**

שוואַרצער: — **יעס, מיסיס.**

מיסעס ברוין: — **יו וואַש?**

שוואַרצער: — **יעס, מיסיס.**

מיסעס ברוין: — **יו אייען?**

שוואַרצער: — **יעס, מיסיס.**

מיסעס ברוין: — **יו פּאַס אָפּ פּיקעניןֹ2)?**

שוואַרצער: — **יעס, מיסיס.**

מיסעס ברוין (צו זיך): — **קוקט אויס צו זיין ניט קיין שלעכטער באַי.** (צום שוואַרצן) **האַמאַטש?**

שוואַרצער (הויבט אויף דריי פינגער): — **טרי פאַנד, מיסיס.**

מיסעס ברוין (שרייט): — **טרי פאַנד?... מיינסט, מיסעס מאַמפּאַרע?** (צו זיך) **דריי קרענק, וועל איך אים געבן, ניט קיין דריי פונט. עס פעלן קאַפּערס, נייך? ווי מיסט זיינען זיי דאָ. איינער אַרויס, אַ צווייטער אַריין.** (הויבט אויף אַ פינגער) **וואַן פאַנד!**

---

1) איך זוך אַרבעט.

2) גיסטו אַכטונג אויף קינדער.

שווארצער (שאָקלט מיטן קאָפּ): — קאָ, מיסיס, מי גאָט וויף, פיקעניך, באַבאַ, מי פיי טעקס1)...

מיסעס ברוין (רייסט אים איבער) — נאָט וואָנטעד, האמבאָ2)!

שווארצער — לונגילי, מיסיס, טו פאנד3).

מיסעס ברוין (קוקט אים אָן): — יו זולו־באָי?

שווארצער: — יעס, מיסיס.

מיסעס ברוין: — יו איט פיש?

שווארצער (שאָקלט מיטן קאָפּ): — קאָ, מיסיס.

מיסעס ברוין: — נאָ? נאָ פיש, נאָ שאבענדזשע.

שווארצער (גייט): — סאָלי, מיסיס... גוד ביי...

---

1) ניין, מאדאם כ'האָב א ווייב, קינדער, א טאַטן, כ'צאָל שטייערן.

2) ווילסט ניט — גיי.

3) זאָל זיין צוויי פונט.

פּעני, באַאס!

מיסטער סמיט זיצט אין אָפּיס שטארק פארטראכט. פּלוצלינג דערהערט ער א קלאַפּ אין טיר. א שווארצער אויף איין פוס, מיט א קוליע אונטערן ארעם, שטרעקט אויס די האנט.

— פּעני, באַאס!

— ניין, ניט היינט! גיט מיסטער סמיט, מיט כעס, א זאָג. — פרייטאָג, פרייטאָג איז דער טאָג ווען איך טייל פּעניס.

— מאנינגי לאמבילי1)! גיט דער שווארצער א זאָג, ווי ניט הערנדיק וואס מיסטער סמיט רעדט.

— פרייטאָג! חזרט נאָך אמאָל איבער מיסטער סמיט. — פרייטאָג!

— אי קאָנע שקאף2)! רעדט דער שווארצער ווייטער, ווייזנדיק אויפן בויך.

— אויב דו וועסט זיין שטאַרק טשיקי3) — ענטפערט מיסטער סמיט, אויפגערעגט — וועסטו פרייטאָג אויך קיין פּעני ניט קריגן.

— פּעני באַאס! לאָזט דער שוואַרצער ניט אָפּ, פּוני איזלי4)!

פאלט מיסטער סמיט אויף א המצאה. ער כאפּט פון קעשענע ארויס א פיוועך, און טוט צום שווארצן א זאָג:

— ע, יא, דזשים. אָט איז דיין פּעני, און גיב מיר די טשיינדזש.

דער שווארצער קוקט אָן מיסטער סמיטן מיט א שמייכל, כאפּט די קוליע און גייט. און גייענדיק, רעדט ער צו זיך: סקעלעם לא מלוגגו5)!...

---

1) כ׳בין שטארק הונגעריק
2) ניטאָ וואס צו עסן.
3) חוצפּהדיק
4) כ׳וויל עסן.
5) כיטרע איז דער ווייסער.

אַמאָליקע יאָרן

(דערציילט פון אן אלטן אפריקאנער)

וווּ נעמט מען אמאָליקע יאָרן? אמאָל איז דאָס לאַנד געווען א לאַנד. דער ווייסער איז געווען א ווייסער, און דער שווארצער — א שווארצער. און היינט? דאָס לאַנד איז קיין לאַנד ניט, דער ווייסער איז קיין ווייסער ניט, און דער שווארצער — קיין שווארצער ניט.

וווּ האָט מען אמאָליקע יאָרן געקאָנט זען, אז א שווארצער זאָל גיין אויפן „פייוומענט"? ווי א הונט אין מיטן גאַס, איז ער געגאַנגען. און היינט, וווּ מען גייט און וווּ מען שטייט, זעט מען נאָר שווארצע און שווארצע.

אמאָליקע יאָרן האָט א קאַפער געוווּסט, אז ער דאַרף אויפשטיין באַגינען און אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט ניט געוווּסט פון קיין שבת און פון קיין יום־טוב: געאַרבעט און געשוויגן. און היינט, הייסט איר אים אויפשטיין א ביסל פריער, זאָגט ער אייך, אז ער וויל נאָך שלאָפן. און הייסט איר אים אַרבעטן א ביסל שפּעטער, דערציילט ער אייך, אז ער איז מיד.

וווּ האָט מען אמאָל געוווּסט פון צאָלן א קאַפער ווייַדזשעס? מען האָט אים צוגעוואָרפן וויפיל מען האָט געוואָלט: אמאָל מער, אמאָל ווייניקער, און ער האָט זיך געפרייט וויפיל ער האָט באַקומען. און היינט — נייע גזרות געוואָרן. פּרוווט אים ניט צאָלן וויפיל מען דאַרף, קלאָגט ער אייך אָן אין געריכט, און איר מוזט נאָך באַצאָלן מיט פּראָצענט.

און ווער, מיינט איר, איז אין דעם שולדיק, אויב ניט דער ווייסער אליין. אז מען האָט דעם קאַפער גענומען נאָכגעבן אין אלץ וואָס ער וויל. סקולס? איז סקולס. יוניווערסיטיס? איז יוניווערסיטיס, אז אלץ פּירט ער אויס. און איר וועט נאָך זען, אז ער וועט באַלד זיין אין פּאַרלאַמענט אויך. האָט מען זיך דאָס אמאָל געקאָנט פאָרשטעלן, אז דער קאַפער וועט אַזוי ווייט דערגיין?

יאָ, ניטאָ מער די אמאָליקע גוטע יאָרן, ווען מען האָט געקאָנט מאַכן געלט ניט קיין געציילטע. איך דערמאָן זיך, למשל, אָן די אמאָליקע קאַפּעריטעס. עס

איז דאָך געווען א מחיה. מען האָט גענומען א קאַפּעריטע און אָנגעפּאַקט מיט פּאַרשטונקענע פליישן, וואָס האָבן זיך געהערט פון א מייל, די פּאַליצעס — אָנגעשטעלט מיט אויפגעבלאָזענע קעסטלעך סאַרדינס, צוקער האָט מען קיינמאָל ניט געזען, ברויטלעך — ניט ווייס און ניט שוואַרץ, און דאָס אַלץ האָט מען דעם קאָפּער פאַרקויפט פאַר גוט געלט, און ער האָט געשוויגן.

אָדער נעמט אין א קאַפּעריטע דאָס עסן. ווו האָט אַמאָל א שוואַרצער געוווסט פון א ריינעם טעלער מיט א ריינעם לעפל. מען וואָלט דאָך אייך געהאַלטן פאַר משוגע, ווען איר וואָלט אויס א טעלער, צי איר שייערט אָפּ א מעסער. היינט די פליגן! וואָס ווייסט איר וואָס פאַר א פאַרגעניגן עס איז געווען אויף זיי צו קוקן. די גאַנצע קאַפּעריטע איז געווען פול מיט פליגן: ברויט — מיט פליגן, דזשעם מיט פליגן, פּוטער מיט פליגן, טיי מיט פליגן, און ווער רעדט נאָך פון געמאָלענעם פלייש, דאָרטן זיינען געווען מער פליגן ווי פלייש. און דער שוואַרצער האָט געגעסן און פּאַסמאַקעוועט זיך. געגעסן פליגן און געמיינט, אז ער עסט פלייש...

און היינט? אינספּעקטאָרן אויף שריט און טריט. מען מאַטערט אייך טאָג ווי נאַכט: עס טאָר ניט שטינקען, די טישן מוזן זיין ריין, די מעסערס—אָפּגעשייערט, די גאָפּלען — בלאַנק, אפילו די אָרעמע פליגן האָט מען פון דאָרטן פאַרטריבן. יאָ, ניטאָ שוין מער קיין „קאַפּעריטע". היינט רופט זיך עס: „האָטעל ל'באַנטו". ס'איז טאָקע, זאָג איך אייך, צום לאַכן...

און איצטער נעמט די אַמאָליקע קאָפּער־שאָפּן. וואָס ווייסט איר, ווי לייכט עס איז געווען צו פאַרדרייען דעם קאָפּער דעם קאָפּ. האָט ער געקויפט א פּאָר הויזן, האָט מען אים איינגעוויקלט אין אַלטן האַנטוך. האָט ער געקויפט א העמד, האָט מען פאַרוויקלט אין אַלטע שמאַטע. האָט ער געקויפט א קאָלדרע, האָט מען אים איינגעפּאַקט אין אַלטן שטרוי־זאַק. און טאָמער איז ער געקומען צוריק מיט א געשריי, אז מען האָט אים אָפּגענאַרט, האָט מען אים געגעבן א בריק אין הינטן — און גיי!

און היינט, פיינע צייטן געוואָרן! ניט מען טאָר אים פאַרבייטן, ניט אָפּנאַרן און אפילו ניט א ריר טאָן. און ווער, מיינט איר, איז אין דעם שולדיק — אַלץ דער ווייסער.

יאָ, ניטאָ מער די אַמאָליקע גוטע יאָרן!...

אָפּגענאַרט

א שפּאַס אין איין אקט

פּ ע ר ז אָ נ ע ן: מיסטער גימפּל / קאָלעקטאָר

(א צימער אין א מיוזנבערג־האָטעל. ס'איז נאָך פרי. גימפּל ליגט אין בעט און כראָפּעט. א קלאַפּ אין טיר.)

גימפּל (כאַפּט זיך אויף): — **קאָם אין!**

(ס'קומט אריין אַ ייד מיט א שפּיציקן בערדל, אין האַנט — א טשעמאָדאַן).

קאָלעקטאָר (דריקט אים די האַנט): — **שלום־עליכם, מיסטער גימפּל, וואָס מאַכט איר?**

גימפּל (קראַצט זיך): — **צו אלדי שווארצע יאָר. א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. די מאַסקיטאָס לאָזן קיין אויג ניט פאַרמאַכן: אדער זיי זינגען, אדער זיי בייסן.** (קוקט אים אָן) **אָבער ווער זייט איר, און צוליב וואָס קומט איר דאָס אזוי פרי?**

קאָלעקטאָר: — **מיין נאָמען איז פינטל, מיסטער פינטל. איך, פארשטייט איר מיך, בין א קאָלעקטאָר. איך קלייב פאר דער חברה „צער בעלי חיים", וועמענס ארבעט עס איז צו פאַרזאָרגן אלטע קעץ מיט א גוטן עלטער.**

גימפּל (אין כעס) — **טפּוי זאָלט איר ווערן. איז צוליב דעם האָט איר עס מיך באַדאַרפט וועקן אזוי פרי? און אז איר וואָלט מיר די נייעס געבראַכט א ביסל שפּעטער, וואָלטן די קעץ אנטלאָפן? און בכלל וואָס ווילט איר פון מיר?**

קאָלעקטאָר: — **וואָס איך וויל פון אייך? גאָרנישט וויל איך... דאָס הייסט אז עפּעס וויל איך יאָ. אזוי ווי איר, מיסטער גימפּל, זייט א ייד א בעל־צדקה, וויל איך, אז איר זאָלט ביי אונדז ווערן א מעמבער.**

גימפל: — געהערט א מעשה — קעץ ליגן אים גאָר אין זינען. קיין אנדערע זארג האָט איר ניט? וואס מיינט איר, איר האָט דאָ אָנגעכאפּט א גרינעם? גייט געזונטט, און וואס גיכער.

קאלעקטאר: — שא, שא, רעגט זיך אזוי ניט אויף, מיסטער גימפּל. אויב איר ווילט ניט — איז ניט. אויב אזוי, הייסט עס, גיי איך. (גייט און קערט זיך צוריק) אָבער זאָגט אלייך, ווער דען זאָל העלפן די אלטע קעץ, אויב ניט איר?

גימפל: — אָבער וואָס ווילט איר פון מיין לעבן? איך בין ערשט נעכטן ביי־נאַכט געקומען. נאָך די פיס ניט דערוואָרעמט. לאָזט זיך מיך צוערשט אויסרוען. איר וועט קומען מאָרגן, וועט'ן זען.

קאלעקטאר: — וואס טויג אייך, מיסטער גימפל, צו זען? איר מיינט טאַקע, אז איך האָב צייט ארומצולויפן, און דערצו לייד איך, ניט פאר אייך גע־דאכט, פון רעמאטעס. (זעצט זיך אויפן בעט) אוי, מיינע פיס!... איר האָט אַפשר א מיטל פאר רעמאטעס, מיסטער גימפל?

גימפל (זיפצענדיק): — ווי איך זע, וועל איך היינט פון אייך ניט פּטור ווערן. באשערט, קענטיק, אן אָנשיקעניש גלייך אין פרימאָרגן. נאט, שרייבט אויס א טשעק אויף דריי גינעס, און גייט מיט אייערע קעץ און רעמאטעס אין איינעם. (גיט אים דעם טשעק־בוך)

קאַלעקטאָר: — אז איר האלט שוין יאָ אין שרייבן, טאָ זאָל שוין זיין פינף גינעס. פארגעסט ניט, מיסטער גימפל, אז מיר האָבן א סך קעץ צו פאר־זאָרגן, און אלע ווילן עסן.

גימפל קוקט אים אָן: — מיר דאכט זיך, אז איר זייט די ערשטע קאַץ...

קאַלעקטאר: — וואס רעדט איר, מיסטער גימפל. קיין איין פּעני נעם איך ניט פאר זיך, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן. איך ארבעט נאָר פארן כלל... נאָר פארן כלל...

גימפל: — שרייבט שוין פינף גינעס, נאָר גייט פון דאנעט. (שרייבט אונטער דעם טשעק)....

קאַלעקטאר: — טהענק יו, מיסטער גימפל, טהענק יו. די קעץ וועלן אייך אייביק געדענקען . . . גוד־ביי (אפּ זינגענדיק).

גימפל (קראַצט זיך): — יאָ, דאָס לעצטע העמד אוועקצוגעבן, אבי אָן ארעמאַן צו זיין. אָן אָרעמאַן, אז ער פאָרט אויף א האָלידיי, קאָן ער זיך כאָטש אויס־רוען: וויל ער, שטייט ער אויף ניין א זייגער. וויל ער — איז צען אזייגער. און טאָמער וויל ער אינגאנצן ניט אויפשטיין, וועט אים אויך קיינער ניט וועקן. א נגיד אָבער איז אויף צרות. א חוץ וואָס מען לאָזט אים ניט שלאָפן שלעפּט

מען אים נאָך ארויס פון בעט. ס׳איז ביטער צו זיין רייך... אז איך בין שוין יאָ פון אים פטור געוואָרן, וועל איך זיך צוריק לייגן אין בעט און כאפן א דרעמל. (לייגט זיך אין בעט. די קאַלדרע איבערן קאָפּ. א קלאפ אין טיר) אהא, מען קלאפט שוין ווידער. דאָס ברענגט מען אוודאי קאווע... פוי, ווי טרוקן עס איז אין האלדז... קאָם אין? (ס׳קומט אריין א ייד מיט א שירעס אין האַנט, א פּאַרטפעל אונטערן אָרעם).

קאַלעקטאָר (גייט, האסטיק, צו צום בעט): — שלום־עליכם, מיסטער גימפּל, וואס מאכט איר, און ווי לעבט איר? א צייט מיט יאָרן אייך ניט געזען.

גימפל (שפרינגט ארויס פון בעט): — וואָס טוט זיך דאָ היינט? איין שלאק ארויס, א צווייטער אריין. וואָס האָט איר זיך גראד אָן מיר אָנגעטשעפּעט? קאַרג אַנדערע מענטשן זיינען דאָ? ארויס פון דאנעט, גייט! (וויל אים שלאָגן).

קאַלעקטאָר (פאַרשטעלט זיך מיטן שירעם): — בארויקט אייך, מיסטער גימפּל, פּע, ניט שיין פון אזא יידן, ווי איר זייט, זיך שלאָגן. וואָס זייט איר, חס ושלום א...

גימפל (כאפט זיך פארן קאָפּ): — א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן. צעביסן פון קאָפּ ביז די פיס. די מאסקיטאס זינגען מיר נאָך אין די אויערן. און איר הייסט מיך זיך בארויקן. וואס מיינט איר, איך בין געמאכט פון שטרוי? אָבער ווער האָט געשיקט נאָך אייך, און וואָס ווילט איר פון מיר?

קאַלעקטאר: — וואָס זאל איך ווערן? גארנישט וויל איך... כ׳מיין אז עפּעס וויל איך יאָ פון אייך. אז איר וועט זיך בארויקן, וועל איך אייך זאָגן.

גימפל: — רעדט, און זאָל שוין נעמען א סוף.

קאַלעקטאר: — איך בין א קאַלעקטאר, איך...

גימפל: — שוין ווידער א קאַלעקטאָר?

קאַלעקטאר: — לאָזט זיך ריידן, מיסטער גימפל. איך קלייב פאר א סאָסייטי, וואס זוכט צו פארזארגן אלטע חזנים מיט א באקוועמען עלטער.

גימפל: — וואס טוט זיך דאָ, פריער קעץ — איצטער חזנים. איר לאכט פון מיר, צי וואס?

קאַלעקטאר: — אז איר לאזט א מענטשן ניט ריידן, איז דאך ניט שייך... אונדזער סאָסייטי האָט פאר דעם צוועק אפגעקויפט דעם טייבל־מאָונטיין.

גימפל: — דעם טייבל מאָונטיין? פעטער, וואס דרייט איר מיר דאָ א קאָפּ, מיט אזעלכע נארישקייטן.

קאַלעקטאָר: — יאָ, יאָ, דעם טייבל־מאָונטיין. מיר זאָלן אזוי ביידע דערלעבן צו הערן שופר של משיח, ווי איך זאָג אייך ניט קיין ליגן.

גימפּל (נייגעריק): — און וואס רעכנט איר דערמיט צו טאָן?

קאַלעקטאָר: — וואס הייסט, וואס? מיר וועלן דארטן אויסבויען א געביידע, ווו אלטע חזנים וועלן קאָנען א גאנצן טאָג זיצן און זינגען...

גימפּל: — אָבער לאָזט מיר צורו. איך בין ניט קיין חזן און קאָן ניט זינגען... נעמט, זייט מוחל, אייער פּאָרטפעל און גייט.

קאַלעקטאָר: — מיט געוואלד נעם איך ניט. אויב איר ווילט ניט העלפן — איז ניט. אויב אזוי, גיי איך... (גייט און קערט זיך צוריק) אָבער פאר־וואס זאָלט איר ניט געבן פאר אזא זאך? און אז איר זייט ניט קיין חזן, איז וואס?

גימפּל (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ): — פּונקט דערזעלביקער שלאק ווי יענער, אויב א האָר זאָל פעלן. איך בעט אייך נאָך א מאָל, לאָזט מיך צורו. איך בין גע־קומען אויף א האָלידיי, און איר האַלט מיך אין איין מאַטערן. לאָזט מיך כאָטש אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

קאַלעקטאָר: — וואס דארפט איר כאַפּן דעם אָטעם, דער אָטעם וועט פון אייך אנטלויפן, און איבעריקנס, איז ניט דער, איז אַן אנדער אָטעם.

גימפּל: — איך זאָג אייך דעם אמת, ווען איך האָב וואס אין האנט, דערלאנג איך אין קאָפּ. אזוי אויפגערעגט בין איך אויף אייך. (קראַצט זיך) אוי, די מאָסקיטאָס?... זאָגט שוין, גיכער, וואס איר ווילט פון מיר.

קאַלעקטאָר: — איך וויל, אז איר זאָלט אונדז העלפן צו באַצאָלן פארן טייבל־מאָונטיין.

גימפּל: — ווי ווערט מען דאָ פון אייך פּטור?... אלרייט, שרייבט אויס א רעסיט אויף צוויי גינעס, און טשעפּעט זיך אָפּ.

קאַלעקטאָר: — צוויי גינעס? וואס רעדט איר, מיסטער גימפּל, איך וועל זיך דאָך דארפן שעמען פאר מיין קאָמיטעט.

גימפּל: — אָלרייט, שרייבט דריי גינעס. אזויפיל האָב איך געגעבן יענעם שלאק, און אזויפיל גיב איך אייך. א פּעני ניט מער, איר הערט?

קאַלעקטאָר: — דאכט זיך, אז איר מאכט א טעות. יענעם האָט איר געגעבן פינף גינעס.

גימפל: — פון וואנעט ווייסט איר, וויפיל איך האָב יענעם געגעבן?

קאַלעקטאר: — עפּעס זאָגט מיר דאָס הארץ אזוי. מילא, זאל זיין דריי גינעס. איך וועל זיך מיט אייך ניט דינגען? (שרייבט) דערהאלטן פון מיסטער רב גימפל דריי גינעס צו העלפן אפקויפן די לבנה... כ'מיין דעם טייבל־מאָונטיין... (גימפל גיט אים דאָס געלט) א דאנק, מיסטער רב גימפל. איר זייט א... א...

גימפל: — גייט געזונט. און איר זאלט קומען, ווען איך וועל אייך רופן.

קאַלעקטאַר: — טהענק יוּ!... טהענק יוּ!... (אפּ זינגענדיק).

גימפל: — געלויבט דער אויבערשטער דערפאר. פטור געווארן פון נאָך א שלאַק. עס זאָל זיך איצטער באווייזן א דריטער — כאפּ איך אים אָן פארן קאַלנער און וואַרף אים ארויס. איך קאן זיי מער אין די אויגן ניט אָנקוקן. אָט די שנאָרערס. איך פארשטיי אָבער ניט, פון וואנעט זיי האָבן דערשמעקט, אַז איך בין דאָ. אָנגעכאפּט א יאָלד, און מען מעלקט אים... אָבער נאָ מאָר. קיין פּעני גיב איך זיי ניט מער. (קוקט אין שפּיגל) קיין וואונדער ניט, אז איך זע אזוי אויס. פון אזויפיל ריידן איז מיר אנגעוואקסן א באָרד... מען וועט איצטער גיין זיך אפּראזירן, אפּוואשן און אָנטאָן זיך ווי א מענטש און גיין וואס עסן. (נעמט זיך צו דער ארבעט. ברומט א ניגון. א קלאפּ אין טיר.) וואס איז דאָס, מען קלאפּט שוין ווידער? ווי ניט־גוטע וואָלטן זיך דאָ באזעצט. (מען קלאפּט. כאפּט א שטעקן, לויפט צום טיר.) וועמען זוכט איר, און וואס ווילט איר?

א שטים: — איך בין ניט קיין היגער. איך קום וועגן זייער א וויכטיקן ענין. איך מוז זען מיסטער גימפלען.

גימפל (שרייט): — מיסטער גימפל איז ארויסגעגאנגען. איר וועט אזוי גוט זיין און קומען שפּעטער.

קאלעקטאר: — קיין תירוץ ניט. איך מוז אים זען.

גימפל: — א דריטער שלאק, מסתמא, וואס דען? (שרייט) איך זאג אייך אין פאָרויס, אויב איר זייט א קאַלעקטאר, גיב איך אייך מיט וואס אין קאָפּ. איר הערט?

א שטים: — וואס פאר א קאַלעקטאר, וואס פאר א קאָץ? איך בין א מענטש ווי אלע מענטשן.

(עפנט די טיר. ס'קומט אַריין אַ ייד מיט בלויע ברילן, אין אַ צילינדער, מיט אַ שטעקן אין האנט)

קאַלעקטאָר: — אַ גוט־מארגן, מיסטער גימפּל! וואָס מאַכט איר, אַלטער פריינד? שוין יאָרן איך ניט געזען. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן. איר דערקענט מיך שוין ניט? איך בין דאָך . . .

גימפּל (דאָס פּנים פול מיט זייף): — איך קען אייך ניט און וויל אייך ניט קענען. שוין, אַרויס פון דאַנעט! ווי די מוראַשקעס זיינען זיי פול. וואָס מער מען טרייבט זיי, אַלץ מער קומען זיי. וואָס ווילט איר, און ווער האָט נאָך אייך געשיקט?

קאַלעקטאָר: — באַרויקט אייך, מיסטער גימפּל. וואָס שרייט איר אַזוי? איר ווילט מיך ניט האָבן, גיי איך שוין צוריק. (גייט און קערט זיך צוריק) זעענדיק, אַז איר האַלט זיך ראַזירן, וועל איך אייך לאַנג ניט אויפהאַלטן. איך בין . . .

גימפּל: — אַ קאַלעקטאָר, וואָס דען?

קאַלעקטאָר: — ניין, איר האָט דאָס מאָל ניט געטראָפן. איך בין אַן אַגענט. איך פאַרקויף סטענדס אויפן נייעם בית־עולם. די סטענדס זיינען פּייסינג נאָרט, און האָבן פּלעט־רייט.

גימפּל: — איר זייט אַרונטער פון זינען? אַ חוצפּה פון אַ מענטשן צו קומען מיר דולן אַ קאָפּ מיט אַזעלכע זאַכן. איך בין געקומען אויף אַ האָלידיי, און ער רעדט מיר גאָר פון בית־עולם. גייט פון דאַנעט. גייט!

קאַלעקטאָר: — געדענקט, מיסטער גימפּל, נאָכן טויט וועט זיין צו שפּעט. מיר וועלן אויספאַרקויפן די בעסטע סטענדס, און איר וועט בלייבן ביי גאַרנישט. און ווייסט איר נאָך וואָס, אויב איר וועט קויפן דריי סטענדס—פאַר אייך מיט אייער ווייב און שוויגער, וועט אייך קאָסטן נאָך ביליגער.

גימפּל: — איך האָב ניט קיין ווייב.

קאַלעקטאָר: — איר האָט ניט קיין ווייב? טאָ וואָס שוויַיגט איר? אויב אַזוי וועל איך אייך ריידן אַ שידוך. (נעמט אַרויס אַ ביכל) וואָס זוכט איר — אַ גרושה, אַן אַלמנה, מיט קינדער, צי אָן קינדער? איך האָב פון אַלע מינים.

גימפּל: — דאָס איז שוין גאָר אַ נייער מין שלאַק! . . נאָט אייך צוויי גינעס און האַלט די סטענדס אויפן בית־עולם פאַר זיך.

קאַלעקטאָר: — מאַכט עס דריי גינעס און איך שווער אייך, אַז איך וועל מערניט טראַבלען. און טאָמער קומט צו אייך היינט אַן אַנדער קאַלעקטאָר, גיט אים אַ בריק און וואַרפט אים אַרויס. איר קענט זיי נאָך ניט די שנאָרערס.

זיי זיינען נאָך ערגער פון מאסקיטאָס. וויפיל איר גיט זיי — איז אלץ זיי ווייניק. איר שפּילט זיך מיט די קאָלעקטאָרס. זיי קאָנען אייך אויסטאָן נאקעט... (נעמט דאָס געלט) אויף אייך, מיסטער גימפּל, וואונדערט מיך. איר, אזא ביזנעסמאן, זאָלט אוועקלאזן אזא מציאה. איר שפּילט זיך עפּעס מיט א סטענד אויפן נייעם בית־עולם? דאָס וועט שפּעטער ווערט זיין גאלד... טראכט זיך איבער. נאָכן טויט וועט אייך פארדריסן... (גייט) טהענק יו, מיסטער גימפּל. (אָפּ, זינגנדיק) טשירי באָם...

גימפּל (נעמט זיך ראזירן): — זע נאָר, וואס מיר איז פלוצלונג איינגעפאלן. די אלע דריי קאָלעקטארס זיינען מאָדנע ענלעך איינער אויפן צווייטן. זאל עס זיין, אז דאָס איז אלץ דער זעלביקער מענטש? עפּעס לאָזט זיך מיר יאָ גלייבן און ניט גלייבן... איך מוז גלייך גיין אויסגעפינען וואָס דאָ טוט זיך. (וואשט זיך שנעל, בלייבט שטיין) גימפּל, מיר דאכט זיך, אז מען האָט דיך אָפּגענארט. א שיינע, ריינע כפּרה אויף דיין קאָפּ. האָלידייס האָבן זיך אים פאר־וואלט. נא, אָט האָסטו דיר... (נעמט זיך שנעל אָנטאָן)

(קאָלעקטאָר באווייזט זיך אין טיר, שטעלט אויס א לאנגע נאָז און צעלאכט זיך.)

פ אָ ר ה א נ ג.

געווונען דעם שטרייק

(א קאָמעדיע אין איין אקט)

מיסטער פּימפּל — **פאבריקאנט.**

ערשטער ארבעטער.

צווייטער ארבעטער.

דריטער ארבעטער.

(אַן אָפיס. מיסטער פּימפּל זיצט ביים טיש און בלעטערט א בוך)

מיסטער פּימפּל (הייבט זיך אויף און רעדט צו זיך): — **נו, דערווייל איז ניטאָ וואס צו באקלאָגן זיך. געמאכט א פיינע פּאָר פונט זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן.** (רייבט די הענט) **ווען עס האלט אזוי אָן כאָטש נאָך א פּאָר יאָר — בין איך א מענטש אויפן פערד. דאַן האָב איך אלעמען אין דר׳ערד.** (קוקט אין פּאַפּירן) **באשטעלונגען פון אלע זייטן. מען רייסט סחורה פון די הענט. און פּראָפיט? כאו כאו כאו! הונדערט, צוויי הונדערט, דריי הונדערט פּראָצענט. וואס דען, איך וועל זיי קוקן אין די ציינער?** (רעכנט) **פינף טויזנט יארד אויף א פּעני, איז א חשבון פון... יא, און אויף דעם וועט מען ארויפרעכענען נייע הונדערט פּראָצענט. נישקשה, זיי זיינען ניט קראנק צו צאָלן. עס איז איצטער א מלחמה...** (טעלעפאן) **האַלאָ! יעס, פּימפּל און קאָמפּאני... יעס, יעס, מיסטער פּימפּל רעדט דאָס... וואס, אויפן אלטן פּרייז? סחורה איז ארויף פינף הונדערט פּראָצענט, און ווײַדזשעס צאָל איך צען מאָל אזויפיל... איך פּראָפיטיר? ווער האָט עס א הארץ צו פּראָפיטירן אין אזא מין צייט?.. אוודאי, איר זייט גערעכט. מיר מוזן אלע זיין פּאטריאָטן, ווי דען?... וויפיל, זאגט איר, צען טויז? אָלרייט, גוד ביי...** (צו זיך) **א העזה פון א חזירשן שנאָרער. ער גייט מיר זאגן, וויפיל פּראָפיט איך דארף מאכן, און אליין רייסט ער די הויט פּאַר יעדע קליייניקייט. א מיאוסער נפש דאָס איז.** (טעלעפאן) **האלאָ, מיסטער פּימפּל און קאָמפּאני!... יעס, מיסטער פּימפּל רעדט... צוואנציק שילינג נעט... ווער פּראָפיטירט, איך?... איך פארליר געלט, זאל מיר גאָט אזוי**

העלפן. סחורה ברענט, און ווײדזשעס צאָל איך צוואַנציק מאָל אַזױפיל. יא. יא, איר זײט גערעכט... פּאַטריאָטן... אַלע מוזן מיר זײן פּאַטריאָטן.. עפּעס אַ קלײניקײט, אַזאַ מלחמה!... װי נאָר עס איז פּאַרטיק, װעל איך עס אײך אַרױסשיקן... פּאַטריאָטן. אוודאי. װי דען?... אָלרײט. גוד בײ. (צו זיך) איך װעל זיך פון זײ לאָזן פײפן, נײן? הײנט איז אַ געלעגנהײט צו מאַכן אַ פּאָר פונט — מאַך. נאָך דער מלחמה װעט זײן צו שפּעט... (אַ קלאַפּ אין טיר) אַרײן. (עס קומען אַרײן דרײ אַרבעטער)

מיסטער פּימפּל (פּאַרװונדערט): — האַלאָ, װאָס איז דאָס? שױן אָװעקגע־לײגט די אַרבעט? עס איז דאָך נאָך האַלבער טאָג.

ערשטער אַרבעטער: — מיסטער פּימפּל, מיר זײנען געקומען בעטן הע־כערן װײדזשעס.

מיסטער פּימפּל (כלומרשט גוטמוטיק): — אָט דאָס גאָר? און איך האָב טאַ־קע געמײנט װער װײסט װאָס... איז װאָס, זאָגט מיר, האָט איר זיך נאָך באַדאַרפט אײלן? איר האָט דאָך געקאָנט קומען נאָך דער אַרבעט.

צװײטער אַרבעטער: — מיט די װײדזשעס, װאָס מיר קריגן, קאָנען מיר הײנט ניט דורכקומען.

מיסטער פּימפּל (זיפּצענט): — און װער, מײנט איר, קאָן יאָ דורכקומען? אַז יעדע זאַך איז בראַנד־טײער. איר שפּילט זיך עפּעס מיט אַ מלחמה! אַ בי־טערע צײט געקומען... אײן גאָט װײסט, װען די מלחמה װעט זיך ענדיקן. אַז עס נעמט גאָר קײן ברעג ניט: שיסן די אַהין, שיסן יענע אַהער. אַדרבה, װאָס איז אײער מײנונג װעגן דער מלחמה? װער, דענקט איר, װעט געװינען? איר באַ־דאַרפט דאָך עפּעס יאָ װיסן.

דריטער אַרבעטער (װי ניט הערנדיק): — די לעבנס־מיטלען שטײגן פון טאָג צו טאָג און די װײדזשעס זײנען נאָך אַלץ די זעלביקע. און דערצו נאָך אַרבעט יעדער פון אונדז הײנט — צװײ מאָל אַזױפיל װי פריער.

מיסטער פּימפּל: — דאָס, זעט איר, איז פײן פון אײך. אַזױ דאַרף זײן, װי דען? מיר מוזן האָבן מיטלײד אײנער מיט דעם אַנדערן. עס איז דאָך עפּעס אַ מלחמה.

ערשטער אַרבעטער: — אָבער מיר אַרבעטן מער און פאַרדינען װײניקער.

מיסטער פּימפּל (שאָקלט מיטן קאָפּ): — עס איז טאַקע זײער טרױעריק, אָבער װאָס קאָנען מיר, לײדער, העלפן. אין אַ צײט פון מלחמה, מוז יעדער פון אונדז לײדן. אָט לײד איך אױך. סחורה קומט ניט אַרײן, און רײסן רײסט מען פון די הענט. דער טעלעפאָן צעזעצט דעם קאָפּ, און דער פּראָפיט איז אַזױ

קליק, אז עס לוינט אפילו ניט צו האלטן די פאבריק. און אויב איך האלט די פאבריק אָפן, איז עס נאָר צוליב אייך. איך בין, פארשטייט איר מיך, א מענטש מיט א גוט הארץ. איך וועל ניט קאָנען שלאָפן, ווען איך וועל וויסן, אז איר גייט ארום ליידיק. פארפאלן, אזא מענטש בין איך.

צווייטער ארבעטער (שטרענג): — מיסטער פימפל, מיר קאָנען פאר די זעלביקע ווײדזשעס מער ניט ארבעטן.

מיסטער פימפל: — פארגעסט ניט, מיינע פריינד, אז עס איז איצטער א צייט פון מלחמה, און אין אזא צייט מוזן מיר אלע זיין פאטריאָטן. האָט געדולד, צוערשט לאָמיר געווינען די מלחמה, און נאָכדעם וועלן מיר זען.

דריטער אַרבעטער: — און וואס זאלן מיר טאן דערווייל, ארויסשטעקן די צונג?

מיסטער פימפל (מיט מיטלייד): — חלילה, וואס עפעס ארויסשטעקן די צונג? איר ארבעט דען, חס־ושלום, אומזיסט?

ערשטער אַרבעטער: — מיר בעטן ביי אייך ניט קיין נדבות. אויב מיר קריגן ניט קיין העכערע ווײדזשעס — דערקלערן מיר א שטרייק.

מיסטער פימפל (צעטומלט): — הא, וואָס?..

אלע צוזאמען: — א שטרייק!

מיסטער פימפל: — וואס האָט איר געזאגט? א שטרייק? אין מלחמה־צייט אַ שטרייק? ווייסט איר מיט וואס דאס שמעקט? דאס מיינט דאך העלפן דעם שונא. ניין, איך וויל דאָס גאָר ניט גלייבן.

צווייטער ארבעטער: — און ווו איז, מיסטער פימפל, אייער פאטריאָטיזם? איר שיט זיך אָן מיט געלט און רעדט נאָך וועגן פאטריאָטיזם!

מיסטער פימפל: — בארויקט אייך, כ׳בעט אייך. רעדט ניט אזוי ווי שונאים פון אונדזער פאָטערלאנד. דאָרטן אויפן שלאכט־פעלד ווערן געהרגעט טויזנטער מענטשן, און אייך, דאָ, ליגן אין קאָפּ אזעלכע נארישקייטן: ווײדזשעס, שטרייקן. פע, איר זייט דאָך, דאכט זיך, מענטשן מיט שכל, טאָ ווי קומט עס צו אייך?

דריטער ארבעטער: — מיר האָבן ווייבער מיט קינדער, מיט טאטעס און מאמעס אויסצוהאלטן.

מיסטער פימפל (ווייך): — גלייבט מיר זיכער, מיינע טייערע, אז מיר טוט וויי דאָס הארץ פאר אייך. אָבער וואָס קאָנען מיר העלפן? און ווער, זאָגט מיר, האָט עס ניט קיין ווייב מיט קיין קינדער, מיט טאטעס און מאמעס, און

אמאָל נאָך א שוויגער אויך פאלגט מיר, גייט צו דער ארבעט און פארגעסט אָן די אלע נארישקייטן. עס וועט זיין געזינטער פאר איך.

ערשטער ארבעטער: — מיר זיינען, מיסטער פימפל, ניט געקומען הערן אייערע עצות. מיר ווילן וויסן איין זאך: איר העכערט אונדז ווייִדזשעס, צי ניט?

מיסטער פימפל: — שא... שא... רעגט זיך ניט אויף. עס איז ניט געזונט. ווייסט איר גאָר וואס, אויב איר ווילט ניט ארבעטן — איז ניט. אויס מחו־תנים!

צווייטער ארבעטער: — איר האָט א טעות. אויב שטרייקן — שטרייקט די גאנצע פאבריק.

מיסטער פימפל (אויפגערעגט): — וואס מיינט איר דערמיט? וואס פארא באלעבאטים זייט איר אויף מיין פאבריק? און אז איך וויל ניט צאָלן וויפיל איר ווילט, קאָנט איר מיר וואס טאָן?

דריטער ארבעטער: — מיר וועלן קיין אנדערע ארבעטער אויך ניט צולאזן צו דער ארבעט.

מיסטער פימפל: — אזוי גאָר? איר וועט ניט צולאזן? און קיין פאליציי איז שוין גאָר ניטאָ? און חוצדעם, ווו איז יושר?

ערשטער ארבעטער: — וועגן יושר, מיסטער פימפל, וועט איר ריידן שפע־טער. איצטער רעדט וועגן ווייִדזשעס.

מיסטער פימפל: — אָבער וואס ווילט איר פון מיין לעבן? וואס האָט איר זיך אָן מיר אָנגעזעצט? גייט געזונט און זאָל נעמען אן עק.

צווייטער ארבעטער: — חברים, מיר גייען. (לאָזן זיך גיין).

מיסטער פימפל (כאפט אים אָן ביים ארבל, ב יי ט דעם טאָן). — שאָט, וואס לויפט איר, איר וועט פארזאָמען צו שטרייקן? זעצט זיך, וועלן מיר זיך דורכריידן. איר וועט אפשר מאכן א שנאפס?

דריטער ארבעטער: — עס איז ניטאָ דאָ וואס צו הערן. לאָמיר גיין. (לאָזן זיך גיין).

מיסטער פימפל (שטעלט זיך ביי דער טיר): — זעט נאָר, וווהין לויפט איר? עס ברענט דאָך ניט. און אז איר וועט שטרייקן מיט א שעה שפעטער, איז וואס? מענטשן זאלן זיך אזוי אײלן. (לויפט צום טעלעפאָן) איין מינוט. איך וויל טעלעפאָנירן מיין אדוואָקאָט, הערן צי מען מעג אין א מלחמה־צייט הע־כערן שכירות. איר שפילט זיך עפעס מיט א מלחמה?

ערשטער אַרבעטער: — קלינגט, זינגט, טוט וואָס איר ווילט. מיר וועלן לענגער ניט וואַרטן. (גייען).

מיסטער פּימפּל (וואַרפט דעם טעלעפאָן): — אָלרייט, אָלרייט, זאָל שוין זיין ווי איר ווילט. איך בין אַ מענטש, פאַרשטייט איר מיך, מיט אַ גוט האַרץ! איך קאָן ניט זען מיינע אַרבעטער, זאָלן דאַרפן אַרומגיין ליידיק. איז נאָך אַ פּאָר שילינג, אַ מציאה מיט דעם. אָבער זאָגט איר מיר צו, אַז איר וועט מער ניט שטרייקן?

אַרבעטער (לאַכן): — זאָגט איר אונדז צו, אַז איר וועט אונדז שטענדיק העכערן ווייִדזשעס?

מיסטער פּימפּל (שמייכלט): — גזלנים, איר וועט דאָך מיר אויסטאָן נאַקעט... נו גייט שוין צו דער אַרבעט און פּטרט ניט די צייט: טיים איז מאַני... אזא מלחמה... אזא מלחמה...

אַרבעטער (סאַרקאַסטיש) — אזא מלחמה!... אזא מלחמה!...

פ א ר ה א נ ג.

אלע נעמען און כאראקטערן אין דעם
בוך זיינען פיקטיווע און האָבן ניט קיין
שייכות צו וועלכער ניט איז לעבעדיקער
פערזאָן.

Printed by Pacific Press (Pty.) Ltd., 302, Fox Street, Johannesburg, South Africa.